# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 28 • מאנטאג, י"ז שבט תשפ"ז • 25סטן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת יתרו

עֲשׂוֹת סְפָרִים הַרְבֵּה אֵין קֵץ

קהלת יב, יב

**אין דעם נומער**

**טאג ביך פון א מוכר ספרים**
shatz matz • הויפט־ארטיקל

**ארוועל און זיינע ביכער**
הוגה • קולטור

**א באזוך ביים דרוקעריי**
פיש כאפער • איבערלעבונג

**וואס ליינט איר?**
יידל, געפילטע פיש און די ליינער • שמועס

**פון וואנען קומט „פאשקעוויל“?**
berlbalaguleh • היסטאריע

**ווער איז א גוטער שרייבער?**
Ben Ami • הומאר

ארכיוו

נומער 28 • מאנטאג, י"ז שבט תשפ"ז
25סטן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת יתרו

הקדמה

# ביכער: א נומער וועגן ליינען און שרייבן

„עשות ספרים הרבה אין קץ" – האט שוין שלמה המלך געזאגט, און ווער עס איז אמאל אריין אין א ספרים געשעפט ערב יום טוב ווייסט אז ער איז גערעכט געווען. דער נומער איז געווידמעט דעם געדרוקטן ווארט: ביכער און ספרים, ליינער און שרייבער, צייטונגען און דרוקערייען.

אינעם הויפט־ארטיקל שטעלט זיך „shatz matz" אוועק הינטער דער קאסע פון א ספרים געשעפט און באשרייבט די קונים: דעם חובב ספרים, דעם וואס דארף א גמרא, און דעם מתנה־קויפער. אינעם שמועס פון דער וואך קומט „יידל" צוריק אין שטיבל און פרעגט: וואס ליינט איר? און באלד ליינט האלב שטיבל „1984".

„לייבישרייבער" רעכנט אויס ווי לאנג א ליינער האלט אויס ביי א לאנגן ארטיקל. די ליינער זוכן פון וואנען עס קומט דאס ווארט „פאשקעוויל", און קומען אן ביז צו א שטיינערנער סטאטוע אין רוים. „פיש כאפער" גייט ארויספרינטן פלענער פאר א וויכטיגער מיטינג און באגעגנט אין דרוקעריי א נייגעבאקענעם טאטע מיט א וואכנאכט־צעטל. „הוגה" שרייבט א רעצענזיע אויף ארוועל'ס צוויי בארימטע ביכער, און צום סוף לערנט אונז „Ben Ami" ווער עס איז א גוטער שרייבער.

אין די פערל: צוויי ערשטע שפראכן, א בלינדער וואס פירט, און א שורה פון א בוך. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק": א שטרייט צווישן בארא פארקער גראסעריס און די היימישע צייטונגען, און א רעצענזיע אויף חיים גראדע'ס „צמח אטלאס". די תגובה פון דער וואך ווייזט ווי אזוי מען באשליסט ווי צו שרייבן א ווארט: מען ציילט רעזולטאטן.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | טאג ביך פון א מוכר ספרים • shatz matz | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | וואס ליינט איר? • יידל, געפילטע פיש, יאיר און אנדערע | 7 |
| וויסנשאפט • ליינען | ווי לאנג איז א ליינער געשפאנט? • לייבישרייבער | 10 |
| היסטאריע • ווערטער | פון וואנען קומט דאס ווארט „פאשקעוויל"? • berlbalaguleh, Billy, יעקב פאטאש און אנדערע | 11 |
| איבערלעבונגען | א באזוך ביים דרוקעריי • פיש כאפער | 13 |
| קולטור • ביכער | George Orwell און זיינע ביכער • הוגה, קורקלענד, יידל און אנדערע | 15 |
| הומאר | ווער איז א גוטער שרייבער? • Ben Ami | 18 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 21 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • קטלא קניא | 24 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 25 |

**הויפט־ארטיקל**

# טאג ביך פון א מוכר ספרים

א בלאגער שטעלט זיך אוועק הינטער דער קאסע פון א ספרים געשעפט אין וויליאמסבורג און פארשרייבט וואס ער זעט: ווער קומט אריין, ווער קויפט, ווער בלעטערט נאר – און פארוואס די „מעשה ביכלעך" פארקויפן זיך בעסער פון אלעס.

פון **shatz matz**

די ערשטע חסידישע בלאגס • שאץ מאץ • „טאג ביך פון מוכר ספרים" • 13טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/20.html

ראשית דבר:

זאת למודעי אז דער ספרים געשעפט איז נישט נאר א מקום ווי מ'פארברענגט די צייט אין א זמן וואס מ'וויל זיך אביסל אויסלופטערן נאך א שווערן טאג, נאר עס איז אויך א פלאץ ווי עס ווערט פארקויפט און געקויפט ספרים און אידישע ארטיקלען....

א ספרים געשעפט איז אזא מין פלאץ ווי מ'מוז נישט עפ"י הכרח אריין גיין במשך א גאנץ יאר, אנדערשט ווי א גראסערי וואס מוז וועכנטליך געמאכט ווערן אן ארדער, אדער א הארוועיר ווי מיר האבן שוין אמאל באריכטעט אין א באזונדערן ארטיקל, דארט קומט יא אויס לכה"פ צוויי מאל א יאר אז מ'מוז אריין גיין אין הארדוועיר דאס איז פאר פסח און פאר סוכות, אבער א ספרים געשעפט מוז מען נישט אריין גיין במשך אגאנץ יאר א מענטש קען האבן אלע ספרים וואס ער דארף ער האט מחזורים סליחות קינות ודומה ביי זיך אין באזיץ און עס פעלט אים נישט אויס אריין צוגיין אין ספרים געשעפט,

נאר ס'קען זיך דאך מאכן אז א מענטש זאל יא דארפן אריין גיין אהין דאס איז נאר ווען ער דארף א ספר אדער דאס גלייכן, נו אז מ'מוז נישט אריין גיין איז דאך נישט קיין הכרח צו וויסן וואס דארטן גייט פאר, משום הכי האמיר טאקע נישט אויסגעקליבן דעם סדר היום פונעם מוכר ספרים צום ערשט, טאקע דערפאר ווייל דאס איז נישט די ערשטע אויף סיי וועלכע מענטשן'ס סדר היום, מיר האבן געהאלטן אז א טאג ביך פון חזן, שמש, מקוה איד, הארדוועיר, זינגער, מגי"ש, מלמד, קליינע רבי'לע, קומט פריער, ווייל דאס איז טעגליך און מ'טרעפט זיי אן מער אפט.

אבער לכל זמן ולכל חפץ תחת השמים, צו יעדן קומט אן זיין צייט, יעצט איז די צייט פון אריין שפאצירן אין א ספרים געשעפט כאפן א קורצן בליק וויאזוי דאס גייט צו, און גלייכצייטיג כאפן אויך א בליק איבער דער אנדערער זייט וואנט, ווי נישט יעדער דעגרייכט אהין.

קונים אין ספרים געשעפט ווערן צוטיילט אין דריי קאטאגאריעס,

1) חובבי ספרים, מענטשן וואס האבן ליב ספרים, אט די מענטשן פארברענגען אין ספרים געשעפט אפאר מאל א וואך אויב נישט יעדן טאג, וואס זייער ווילן אין ספרים געשעפט פארנעמט אן ערנסטן חלק אין זייער סדר היום, אט די חובבי ספרים, האבן ליב צו זען די נייע ספרים, מ'איז מעיין, מ'שמיסט איבער מיט די ארומיגע חובבי ספרים בנוגע די ספרים וכל המסתעף.

2) א מענטש, אינגל / מיידל / בחור/ כולל יונגערמאן, וואס דארפן א באשטימטן ספר לצורך הלימוד, אט דעי קונים זענען בדרך כלל אריין און ארויס, ער זאגט וואס ער דארף, ער דארף א תהלים מיט גרויסע אותיות דפוס מאשקאוויטש, אדער א משניות משנת יודא אויף מס' יומא, ער קויפט באצאלט און גייט זיך ווייטער.

3) מתנות קויפער, מענטשן וואס קומען נישט צו אפט אין געשעפט זיי קענען נישט אזוי גוט דעם ספרים מארק, אבער איצט מוזן זיי קויפן א מתנה, ווי א בר מצוה, אדער טאטע פאר קינד, מאן פאר ווייב, רבי צו תלמוד, וכהנה, אט דעי קונים פארברענגען אביסל מער אין ספרים געשעפט, ווייל זיי ווייסן נישט פונקטליך וואס זיי ווילן, און דער מוכר דארף זיי סערווירן וואס צו קויפן און וואס צו נעמען און וועלכע'ס ס'איז פאסיג.

לאמיר זיך קודם נעמען צו די דריי מיני קונים, כת הראשון די חובבי ספרים, די זענען באמת אביין אין האלז פאר די מוכרים, ווי א ביין וואס מ'קען נישט אראפ שלינגען און נישט אויסשפייען, סוף כל סוף זענען זיי גאנץ גוטע קאסטומער'ס ווייל ווי געזאגט זענען זיי די חובבי ספרים, אבער לעומת זה זענען זיי אביסל נערווירנדיג, ווייל זיי פארברענגען אסאך צייט אין געשעפט און גייען אביסל אויף די נערוון, סיי מיט זייערע שמיסן און סיי מיט זייערע קשיות והערות,

אז דער חובב ספר האט א טענה אויף א מחבר היתכן ער האט אזוי געדריקט דעם ספר אזוי פאצעריש און אזא נארישע פאנט מיט אזא נארישע מפתח, דער חובב ספר ווערט גערעגט און גיסט אויס זיינע טענות אויפן מוכר ספרים, צעדרייטער דער...., געט

שוין יא ארויס א ספר, מאכט ער א האלבע ארבעט, זאגט נאר הרב חובב ספר, צי ווייסט איר אז איך פארקויף נאר ספרים און נישט מחבר ספרים?....

כת השני – די לימודים קויפער, א מחי', א ברכה אויף זייער קאפ, קויף א גמ', קויף א שו"ע, צערייס עס וואס שנעלער און קויף נאך איינס, זאג דיין רבי – מגי"ש א דאנק אין מיין (מוכר ספרים'ס) נאמען, פארן זאגן פאר די תלמודים פונקטליך וועלכן ספר מ'דארף וועלכע משניות פון וועלכע דריק, און אויב האט מען נישט אין סטאק אט די דריק ביטע זאג פאר די תלמודים אז צו נעמען אן ענדליכע איז נישט ביהרוג ואל יעבור.

כת השלישי – די מתנה קויפער, דא דארף שוין דער מוכר ספרים זיין ווי אן אתרוג סוחר, צו ליינען יענעמס נאז און צו פארשטיין מיט וועמען מ'האט דא צו טון, ווער קויפט א מתנה פאר וועם, ווען דער עושר קויפט פאר זיין מחותן, אדער דער עושר פאר זיין נעפיו'ס בר מצוה, רוקט ער אים אריין א גרויסן ברייטן סעט ירושלמי, ווייל ירושלמי'ס ווערן גאנץ ווייניג פארקויפט במשך דעם יאר עס ליגן דארט אויבן 3 פארשטויבטע באקסעס, יעצט איז א גינסטיגע צייט פטור צו ווערן פון איין סעט, דער עושר אידאך נישט קיין ווייסעך ווער, ער דארף בעיקר אנקומען צום בר מצוה מיט א "גרויסע" מתנה....

## דא דארף שוין דער מוכר ספרים זיין ווי אן אתרוג סוחר, צו ליינען יענעמס נאז און צו פארשטיין מיט וועמען מ'האט דא צו טון

אדער דארף דער אומוויסנדער יונגערמאן וואס קויפט א בר מצוה מתנה האבן בעיקר א שיינעם סעט, רוקט מען אים אריין א סעט וואס האט שיינע דעקלעך און ס'איז א מחי', עפעס א סעט תשובות ספרים וואס דער בר מצוה בחור וועט אין זיין לעבן נישט ניצן, ס'האט אבער שיינע גאלדענע קריצן, און ס'קוקט אויס און לייגט זיך שיין אין ספרים שאנק.

אבער ווען דער מוכר זעט אז ער האט צו טון מיט א יודע ספר, שלאגט ער אים נאר פאר ספרים וואס זענען כלומר'שט צו טאקע פאסיג פאר א בחור, איר זעט דארט דעם סעט מקח טוב, דאס קויפן היינט אלע בר מצוה בחורים, דער יודע ספר כאפט א בליק ער זעט טאקע אז ס'איז געשמאקע גרינגע ענינים קויפט ער אים אפ, מ'פאקט אים ארום מיט קאלירטע פאפיר און מ'איז גרייט צו דער בר מצוה.

ווי אויך דארף דער מוכר האבן היפש שכל און געפיל, פשוט צו פארשטיין ווען מ'וויל קויפן פאר א כלה אדער ווייב פאר סיי וועלכן געפילישן מאמענט, אויסצוקלויבן עפעס וואס זאל טאקע זיין אין פלאץ און דינען דעם ציל פון דער מתנה, פארשטיין ווען מ'גיבט א לעדערנע הפרשת חלה, און ווען מ'גיבט א נייעם סידור, און ווען מ'גיבט א חלה דעקל אדער לעכט צינדער.

דער פאקט איז אז דאהי אין אמעריקא איז ספרים אליינ'ס נישט קיין ביזנעס, (אין א"י לעבט דער עולם מער מיט ספרים סיי ס'איז ביליגער און סיי מ'האט צייט און מ'האט הנאה פון נייע ספרים) דאהי האט דער עולם קליינע דירות ס'אינישטא קיין פלאץ פאר צופיל ספרים, און אפי' די אידן מיט גרויסע דירות ניצן נישט צופיל די ספרים אינדערהיים מקוצר רוח ומעבודה קשה, ממילא זענען די כת הראשונה די חובבי ספרים ווייניג אין מספר, דעריבער איז נישטא קיין מקום ווי צו פארדינען קיין געלט בלויז פון ספרים אליין, מוזן בעל כרחך די ספרים געשעפטן אריין נעמען אנדערע אידישע ארטיקלען וואס עס איז פארהאן א מקום צו פארדינען געלט, למשל אידישע טעיפס – געים'ס – טוי'ס וכדומה.

לאמיר נעמען אזא שטאט ווי וויליאמסבורג, עס זענען דא עטליכע ספרים געשעפטן מיר וועלן עס צוטיילן אין צוויי קאטעגאריעס, אלטע און נייע, אלטע זענען, בית הספר, אייזנהארן, הצלחה, און די נייע זענען, אוצר, תלפיות, מאורות, יעצט לאמיר כאפן א בליק וואס איז דער חילוק צווישן זיי, די אלטע קען מען אנרופן ספרים געשעפטן, און די נייע קען מען מער אנרופן דשודעיקא געשעפטן, ווייל די אלטע האבן פאקטיש א ריזיגע אויסוואל פון ספרים בכל המקצועות, ספרים וואס קענען שוין ליגן אין געשעפט עטליכע יאר, ביז פונקט יעצט האסטו געהערט פון אזא מין ספר וואס דאן לויפסטו עס קויפן און ס'איז דא בנמצא טאקע נאר אין די אלטע געשעפטן, אמת זיי האבן אויך עטוואס דשודעיקא אויך אבער דער עיקר קוואנטום איז ספרים.

משא"כ די נייע וואס מיר רופן אן דשודעיקא, זיי האבן אנגעהויבן ביים עפענען זייער געשעפט מיט זאכן נאר ווי מ'קען פארדינען, סתם זיך אנפילן דעם געשעפט מיט ספרים איז פאר זיי נישט געווען כדאי, וואס יא, מ'פילט אן דעם געשעפט מיט דשודעיקא און אויך א סטאק פון מתנות, דהיינו בר מצוה מתנות וואס דאס שליסט איין ספרים סעט'ס, ווי צ.ב.ש בני יששכר'ס תפארת שלמה'ס ישמח ישראל'ס נועם מגדים'ס וכו' וכו', גרויסע און קליינע, ווי אויך די ספרים וואס ווערן געלערנט אין חדרים ישיבות כוללים גמרות משניות שו"ע'ס, און פון יעצט אין ווייטער אויך אלע נייע ספרים וואס קומען ארויס פון דריק נעמט ער אויך אפאר שטיק, ווייל יעצט איז ער שוין א שטיקל מוכר ספרים, בקיצור אין אנדערע ווערטער ער נעמט נאר אריין אין געשעפט זאכן וואס זענען דא א מקום צו פארדינען, משא"כ א ספרים געשעפט מקדמת דנא ער האט אלע ספרים און ער מוז האבן אלע ספרים ווייל אז נישט איז ער נישט קיין ספרים געשעפט.

יעצט צוריק צו פריער, די חובבי ספרים כת הראשון, האבן ליב אריין צו גיין דוקא אין די ספרים געשעפטן, משא"כ די אנדערע צווי די מתנות קויפער און די לימודים קויפער'ס, די קענען אריין גיין סיי ווי, ווייל ביידע סיי ספרים און סיי דשודעיקא געשעפטן רעדט צו זיי.

פארדעם איז טאקע באקוועמער פאר דער עזרת נשים אריין צו גיין אין די דשודעיקא געשעפטן ענדערשט ווי אין א ספרים געשעפט, אן אשה אין א ספרים געשעפט פילט זיך פונקט ווי א זכר אין טרימינג סטאר, אמת ס'מאכט זיך אמאל פאר איינער פון אונז אז מ'דארף אריין גיין אין א טרימינג סטאר קויפן עפעס פאר זיך אדער פארן ווייב צו קנעפלעך צו סנעפ'ס וכדומה, דאך איז עס אבער גאר שטארק אומבאקוועם מ'פילט זיך זייער פרעמד ס'איז פיל מיט ווייבער און מ'וויל זיך זען אינדרויסן ווי פריער, פונקט אזוי שפירט זיך אן אשה וואס קומט אריין אין ספרים געשעפט וואס איז פיל מיט די מענטשן – חובבי ספרים וואס דרייען זיך ארום איבער די נייע ספרים ווי א בינען שטאק, דארף זי יעצט בעטן הויעך דעם מוכר ספרים 2 נייע קאפלעך און 3 טלית קטן'ס, זי וויל זיך אויך זען וואס פריער אינדרויסן, אבער אין א דשודעיקא דארטן פילן זיך די ווייבער מער באקוועם, ווייל סוף כל סוף דרייען זיך דארטן מער די מתנות קויפער ווי געשמיסט.

(איי למאי נפקא מינא ווי די ווייבער דרייען זיך?, סתם צו וויסן, לידוע בעלמא, ווייל דער ציל פון אונזערע ארטיקלען איז מ'זאל שפירן און וויסן די אנדערע זייט מטבע, וויסן וויאזוי יענער פילט און יענער טראכט, פונקט ווי איך טראכט אלץ אין די ערב סוכות טעג ווי אומבא'טעמ'ט די ווייבער שפירן זיך ווען זיי דארפן זיך אדורך שטופן לי עוו. צווישן די אלע ד' מינים סוחרים, לאך איך זיי אויס הא הא הא.... (ס'איז דא דריי פינטלעך) פונקט אזוי שפיר איך זונטאג נאכמיטאג ווען אלע קערידשעס בלאקירן די גאס און פאר א מאנספערזאן איז אומבאקוועם אדורך צו גיין אז ער מוז גיין אויפן גאדער, יעצט איינמאל זאלן זיי וויסן וואס דאס מיינט גיין אויפן גאדער...., היינו הך, פונקט אזוויי מיר איז אומבאקוועם צו גיין אין טרימינג סטאר, אזוי איז איר אומבאקוועם צו גיין אין ספרים סטאר.)

צוריק אין ספרים געשעפט, דאס איז הכל מודים אז דער מוכר ספרים מוז האבן א ברייטע ידיעה אין ספרים ותולדותיהם און דערצו זיין א היפש שטיקל יודע ספר, ווייל אז איינער פרעגט אים וועלכער ספר איז גוט אויף מס' פסחים, דארף ער וויסן וועלכן ספר אים פארצושלאגן, און אז איינער פרעגט וועלכער ספר איז דער בעסטער אויף מוקצה, זאל ער וויסן וואס צו ענפערן, גלייך צייטיג דארף ער קענען די ספרי התולדות, כדי ווען איינער קומט אריין און בעט עפעס א מעשה ביכל מיט סיי וועלכע ענין דארף ער וויסן וואס פארצושלאגן, דאס איז באופן כללי.

באופן פרטי דארף דער מוכר ספרים פערזענדליך אדורך טון די נייע ספרים, ווייל ווען זיינע חובבי ספרים קומען אריין זאל ער גלייך וויסן אנצוטראגן די סחורה, וויסן גלייך צו זאגן ערעב איד כבוד הרב?, איר האט געזען דעם נייעם ספר וואס הרב געשעלניק פון א"י האט ארויסגעגעבן?, א נייער ספר אויף הל' טבילת כלים, פששששש א שיינע ארבעט, קוקט'ס עס אן...., ער ווייסט אפי' מוסיף צו זיין אזא נננעעעע.. ס'איז סאך בעסער פון זיין ערשטער ספר...

פארשטייט זיך אז אפי' צווישן די חובבי ספרים זענען פארהאן עטליכע מיני קאטעגאריעס, ס'איז דא וואס האבן ליב אלע מיני הלכה ספרים, ס'איז דא וואס קויפן נאר אלע מעשיות ותולדות, ס'איז דא וואס קויפן אלע ספרי אגדה ודרוש וחסידות, ווידער אנדערע קויפן אלע מיני ליטווישע מאמרים, מוז דער מוכר ספרים וויסן וועלכע'ס אנצוטראגן פאר וועמען, און גלייכצייטיג וויסן די מעלות פונעם נייעם ספר, איר זעט דעם נייעם בת עין?, א מחי'...., איר געדענקט דעם אלטן דריק?, ס'איז געווען ממש א חורבן פיל מיט טעותים, קוקט אהער ממש ס'לערנט זיך פון זיך אליין און נאכדערצו מיט אזא פעסטן מפתח...., ס'איז ממש נישט מעגליך איבער צו לאזן דעם נייעם ספר, מ'קויפט דאס אפ בכסף מלא.

נישט נאר ידיעות התורה, נאר אפי' ידיעות אין מעשה ביכער דארף דער מוכר ספרים וויסן, ווען א שרייבער גיבט ארויס א נייע מלחמה ביך, דארף ער האבן מבינות, אה דעי ביכל איז זייער באלערנד, ער שרייבט מורא'דיג זיינע מלחמה יארן און פון קראקא ער איז אפי' געווען א דאראמסקע חסיד...., אפי' א פיקטיוו מעשה ביכל פון פיקציע, ווען איינער וויל קויפן א פיקציע פאר איינער וואס קען נישט יעצט ליינען עפעס אנדערשט, דארף דער מוכר ספרים וויסן וועלכעס איז שרעקעדיג און וועלעכ'ס איז סתם גוט,

(איך זאג אויף פיקציע ביכער אז דאס איז פאר איינער וואס קען נישט ליינען עפעס אנדערשט, ווייל א נארמאלער מענטש ברויך נישט צו ליינען דעי שטותים פון שפיאנען און עף בי איי, ס'איז הבל הבלים און זיי מאכן בלויז משוגע אונזערע מאדס און גוסטעס, סוף כל סוף מאכט דאס ביכל מורא'דיג נייגעריג מ'קען דאס נישט ליינען צוטיילט אין א וואך יעדן טאג א צווייטן קאפיטל, נאר מ'מוז דאס ליינען אין איין צו, זיי עטווערטייזן דאך אפי' אזוי "איר וועט נישט אראפ לייגן דעם ביכל פון דער האנט ביזן ענדיגן", דאס איז מיר נישט קיין עסק, איך קויף נישט א ביכל וואס זאל מיך קאנטראלירן און בעל הבית'ווען איבער מיר, מיך מאכן טרויעריג און העפי און בלייבן וואך א האלבע נאכט נישט אראפ צו לייגן דעם ביכל פון די הענט, וואס יא, איך ווייס פון פאקט אז זייער אסאך מענטשן אין שווערע סוטיאציעס צו אין שפיטעלער אדער אין ענדליכע מצבים זענען זיך ממש מחי' מיט אט דעי מיני ביכער, ממילא אשריהם אז זיי געבן חומר פארן היימישן ציבור אויף אידישע שפראך כדי נישט צו ליינען גוי'שע ביכער, אבער א

נארמאלער מענטש מיט נארמאלע אומשטענדן האט נישט וואס צו ליינען קיין פיקציע ביכער, העי! ווער נישט גערעגט..., איך זאג בלויז מיין מיינונג, דו מעגסט מחולק זיין מיט מיר..... דו קענט ליינען וויפיל פיקציע דו ווילסט, און ווערן דערשראקן און געשפאנט פונעם גאן שיסער צו אייער קאפ ווען דער פארשוין סטראשעט מיטן לעבן, אבער אין דער לעצטער מינוט ווערט ער גערעטעוועט....)

צי ווייסט איר אז איין שאנק אין ספרים געשעפט ווערט געטוישט קאמפלעט יעדע שטיק צייט?... דאס איז דער שאנק פון דער עניני דיומא אפטיילונג, חודש תשרי איז דא דארט ספרים אויף ר"ה יו"כ סוכות, אנפאנג ווינטער ליידיגט מען אויס יענעם שאנק, מ'פארפאקט די סחורה אויפן בוידעם, און מ'נעמט ארויס דעם חנוכה סטאק, מ'לייגט ארויס אלע ספרים אויף חנוכה, נאך חנוכה פאקט מען דאס אוועק אויף לשנה הבא, און מ'נעמט ארויס די ספרים אויף שובבים וד' פרשיות, פורים ודומה לו, פאר פסח מאכט מען עטוואס מער פלאץ, ווייל דער מספר פון הגדות איז עד אין שיעור ועד אין קיץ, און מענטשן קויפן טאקע יעדעס יאר ספרים אויף פסח, (אני הקטן איז זיך אויך אזוי נוהג צו קויפן יעדעס יאר א נייע הגדה, נישט מכח חומרא ווייל כ'האב מורא אז די אלטע איז חמציג געווארן, נאר איך האב ליב יעדעס יאר צו לערנען א נייעם פירוש אויף דער הגדה במשך גאנץ פסח, ווייל די אנדערע סתם ספרים זענען ביי מיר חמציג), זומער לייגט מען ארויס די ספרים אויף מס' אבות, און די פסח'יגע ווערן פארפאקט.

דאס איז סתם פיזישע ארבעט, וואס מוז געטון ווערן דורך די מוכרי ספרים אליין, ס'איז נישט ווי אין א גראסערי ווי ס'איז דא באשטימטע גוים וואס פאקן אויס די סחורה, און לייגן אוועק די אנדערע סחורה, ווייל דארט ווערט דאך דאס געטון כסדר, אבער דא אין ספרים געשעפט וויבאלד דאס ווערט געטון בלויז עטליכע מאל אין יאר, ממילא קען מען נישט האלטן א באשטימטן מענטש פארן ארויס פאקן די סיזון ספרים, מוזן דאס געטון ווערן דורך די איידעלע הענט פונעם יודע ספר – מוכר ספרים.

סך הכל שטיי מיר שוין ביי דער טיר פונעם ספרים געשעפט אויפן וועג ארויס, זעמיר דא מיט ליידיגע הענט אדער האמיר זיך עפעס איינגעהאנדלט דא?....

אויב יא, וואס?......................

*****

איצט לאמיר צולייגן א שטיקל הוספה וואס א ידיד האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אישית, אז איך האב פארגעסן פון נאך א קאטעגאריע, דהיינו אז צו די אויבן דערמאנטע קאטאגאריעס קומט צו א פערדע, דאס איז די קינדער – בחורים ליינער....

אזוי ווי עס קומען דאך ארויס כסדר פרישע ביכער, אבער נישט יעדער האט די מעגליכקייט צו זיין אפ טו דעיט מיט יעדן בוק וואס קומט ארויס, אבער היות דער נייגער איז זיך שטארק מתגבר, און מ'מוז וויסן דאס נייע מעשה ביכל, ריקט מען זיך אריין אין ספרים געשעפט און מ'הייבט אן אזוי צו ליינען 2 – 3 קאפיטלעך ביז ווילאנג דער מוכר ספרים באמערקט, דאן פארמאכט מען דאס ביכל און מ'קומט צוריק מארגן ליינען ווי מ'האלט, אזוי במשך א וואך צוויי איז דאס ביכל אפגעליינט...

## אט די קינדער מעשה ביכל ליינער זענען ממש אן אבן נגף פארן מוכר ספרים

אט די קינדער מעשה ביכל ליינער זענען ממש אן אבן נגף פארן מוכר ספרים, ער מוז צומאל פירן קריג מיט זיי, ווייל אז נישט וועלן די טאטע'ס האבן טענות היתכן ער לאזט אים בכלל אפזיצן אין זיין געשעפט עטליכע שעה, ווידער דער אויבן דערמאנטער חילוק פון ספרים ביז דשודעיקא וועט דא אויך חל זיין, דהיינו אז אין א ספרים געשעפט איז פיל גרינגער צו ליינען א ביכל, מ'געט זיך א ריק אריין אין א קארנער מ'מאכט זיך ווי מ'קוקט אריין אין א ספר און מ'שלינגט איין אפאר קאפיטלען פונעם מעשה ביכל, און דער מוכר ספרים מערקט נישט אזוי שנעל אז ער ליינט א מעשה ביכל, משא"כ אין א דשודעיקא געשעפט איז מער אפן ס'איז נישטא אזעלכע ווינקלען ווי מ'קען ליינען א מעשה ביכל ממילא ווערט מען שנעלער באמערקט....

בקיצור ווילסט ליינען א מעשה ביכל, גיי אין קארנער.....,

א שמועס פון דער וואך

# וואס לײַנט איר?

„יידל“ קומט צוריק אין שטיבל און עפנט א שמועס: וואס ליינט איר? די ליינער רעקאמענדירן און קריטיקירן – און באלד ליינט האלב שטיבל „1984“.

פון **יידל, געפילטע פיש, יאיר און אנדערע**

קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • „אלגעמיינע ביכער צום ליינען“ • 21סטן יאנואר – 27סטן אקטאבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5733.html

**יידל** • 21סטן יאנואר 2014

[פארקירצט]

צום ענין. מ'האמיר שוין ב"ה אן אשכול אויף נייע אלגעמיינע ביכער אבער נישט-נייע אלגעמיינע ביכער האבן מיר נאכנישט קיין אשכול מיוחד. אדער אפשר יא? אויב יא, יבוא בעל הכרם וימזג אשכול זה עם האשכול השני. א'קיצור, כ'האב זיך לעצטנס איינגעהאנדלט (קרי: דאונלאודעד) דעם קינדל עפפ, און מ'האמיר זיך גענומען ליינען ביכער אין גרויסן. אז מ'ליינט דארף מען דאך הערן דעם דעת הקהל אויף וואס מ'ליינט און עס דורכדרעשן בדיבוק חבירים. זאל אלוז דא זיין א מקום מיוחד צו שמועסן איבער אלגעמיינע ביכער אין אלגעמיין, די גוטע, די גאר גוטע, און די שלעכטע, רעקאמאנדירטע און דאס פארקערטע.

איך האלט יעצט אינמיטן ליינען מעלקאם גלעדוועל'ס בוך "וואס דער הונט האט געזען". קודם א שטיקל הקדמה אויף גלעדוועל'ן. ער איז אן אינטערנאציאנאלער בעסטסעלינג מחבר, און זיינע ביכער זענען געווענטליך א געמיש פון פאפ-סייענס און אינטערעסאנטע אנעקדאטן. גלעדוועל'ס מעלה ליגט אין זיין גאר ציציענדער שפראך, און זיין חוש צו שרייבן אויף א גאר לייכטן אופן. אנדערש ווי זיינע אנדערע (בעסטסעלער) ביכער, איז "וואס דער הונט האט געזען" נישט באזירט אויף עפעס א נושא וואס גלעדוועל טוט דורך כדרכו בקודש (כ'מיין נישט גארנישט, כ'מיין נאר די מליצה צו צעברעכן די אויער (קרעדיט, יאיר) נאר עס איז א קאלעקציע פון 19 עסייען וואס גלעדוועל האט געשריבן פאר דעם "ניו יארקער" מאגאזין. דער בוך איז צעטיילט אין דריי חלקים. דער ערשטער חלק, וואס כ'האלט נאך אינדערמיט פון איר, איז איבער קלענערע זשעניס. דאס הייסט, נישט וועלט-בארימטע זשעניס וואס האבן געטוישט די וועלט ווי איינשטיין אדער סטיוו דזשאבס (להבדיל אלף אל.., אה, כ'האב נישט דערמאנט קיין איד, פארגעט איט), נאר איבער קלענערע נישט-וועלט-בארימטע זשעניס וואס זענען אויפגעקומען מיט חידושים און האבן געטוישט די וועלט, א שטייגער ווי דער אבסטעטרישאן דזשאן ראק וועלכער האט דעוועלאפט דעם בוירט-קאנטראל פיל. כ'קען נישט זאגן אז כ'האב הנאה געהאט פון יעדן עסיי, אבער פון געוויסע (טאקע פון דעם עסיי איבער ראק, אדער פון אן אנדערן עסיי איבער נאסים טאלעב דער מחבר פונעם בעסטסעללער "די שווארצע שוואן") האב איך גאר שטארק הנאה געהאט. גלעדוועל שרייבט גאר געשמאק און פון אן אייגנארטיגן קוקווינקל. די אנדערע צוויי חלקים פון וואס דער הונט האט געזען זענען איבער פרעדיקציעס און די פראבלעמען פון זיי, און איבער אפשאצן דער מענטשליכער פערזענליכקייט און כאראקטער. כ'וועל באריכטן ווען כ'וועל ליינען אי"ה.

גלייכצייטיג ליין איך אויך א לייכטערן בוך מיטן נאמען "קעפ אין בעטן" פון אן ארבעטער אין האטעלן אין ניו ארליענס און אין ניו יארק פאר איבער 15 יאר. דער בוך איז געשריבן אויף א לייכטער הומאריסטישער שפראך, אריינגעמישט אביסל פראפעניטי (אהההממ... אפשר אביסל אסאך, איר ווילט נישט וויסן וואס טוט זיך אלס אפ אונטער די טירן פון די האטעלן אין ניו יארק סיטי...), און איז אויך היבש אינפארמאטיוו איבער דעם גאנצן הלוך ילך פון דעם האטעל ביזנעס, כולל אלע טריקס וויאזוי צו בא'גנב'ענען די מיני באר און וויאזוי זיכער צו מאכן אז די וואלעי צעברעכן נישט אייער קאר. דער ניו יארק טיימס האט געהאט א גוטן איבערזיכט דערויף.

און וואס ליינט איר?

**יאיר** • 21סטן יאנואר 2014

גאר גוט באשריבן, יידל. וועלקאם בעק. אפשר זאל מען טוישן דעם טיטל צו עפעס אזוי "ביכער וואס איר ליינט".

**געפילטע פיש** • 21סטן יאנואר 2014

אפשר שוין צייט פאר א קאווע שטיבל בוק קלאב, אפשר אזוי וועל איך אביסל אראפנעמען די עול פון מיין Amazon וויש ליסט. יעדע וואך א בוך, דערנאך קען מען איבערשמועסן.

**יידל** • 21סטן יאנואר 2014

נו, געפילטע, קריינא וכו'. גיב ארויס א בוך פון דיין וויש ליסט, און אי"ה נאכן שניי וועלן מיר דאס דיסקאסן.

**געפילטע פיש** • 21סטן יאנואר 2014

נע, די ביכער אין מיין וויש ליסט האסטו שוין געליינט 7 יאר צוריק, כ'שעם מיך אז איך האלט נאך ביי אלף בית.

**יידל** • 21סטן יאנואר 2014

געפילטע, ווילסט מיר אויפרעגן? גיב שוין ארויס א בוך! קוק אהער, פלוצלינג ווערט ער מיר א ביישן.

**געפילטע פיש** • 21סטן יאנואר 2014

איך לייען יעצט 1984, (לייען? אויב דו רופסט עפעס וואס ליגט אויפגעמיטש אין גוגל בוקס און שטייט שוין וואכן ביי בלעטל 28, לייענען) צופרידן?

**יידל** • 21סטן יאנואר 2014

1984 איט איז! א געוואלדיגער טשויס. כ'האב צוויי יאר צוריק אנגעהויבן ליינען 1984 אבער עס קיינמאל נישט געענדיגט.

[פארקירצט]

**שמערל** • 21סטן יאנואר 2014

איך האב לעצטנס געליינט guns, germs, and steel, זענט איר באקאנט דערמיט?

**יאיר** • 21סטן יאנואר 2014

איך האב עס געליינט מיט א צייט צוריק, און די אימפרעשאן ליגט מיר נאך אין די ביינער. עס איז ממש א גאונ'יש ווערק. דער מחבר, ירד דיאמאנד, א ריכטיגער Polymath, ווארפט אדורך געאגראפיע, עוואלוציע, ביאלאגיע, באטאניק, אנטראפאלגיע, און איין ביכל, אויפווייזנדיג אז די פארגעשריטנקייט פון פעלקער איז תלוי בלויז אין צופעליגע זאכן, בעיקר דער אגריקולטור און קלימאט וואו מען וואוינט. דיאמאנט'ס בוך, א געווינער פון דעם פוליצער פרייז, איז דער ענדגילטיגער טויט קלאפ אויף ראסיזם.

**פשוט-קאמפליצירט** • 22סטן יאנואר 2014

יישר כוח יידל און וועלקאם בעק (אפילו אויב ס'איז נאכנישט פערמאנענט P:)

איך האלט יעצט אינמיטן לייענען neither dog nor wolf: on forgotten roads with an indian elder. דער בוך דערציילט וועגן די שמועסן וואס דער מחבר האט געפירט מיט אן עלטערן אינדיען (ווי די אריגינעלע רויט-הויטיגע אמעריקאנער איינוואוינערס ווערן אנגערופן אדאנק א געאגראפישן טעות וואס קאלאמבוס האט בשעתו געמאכט), איבער זייער לעבן, אויסקוק אויף דער וועלט, בליק אויף דער קולטור פון די "ווייסע מענטשן", און נאך. דער אינדיען, וועמען דער מחבר רופט אן Dan, איז נישט קיין פירער אדער אויסנאמליכע פערזענליכקייט. און אנדערש ווי א סך אנדערע ביכער וועגן אינדיענס, וועלכע פאקוסירן אויף דער חכמה און טראדיציעס פון די אינדיען שבטים און קולטור, גיט דער בוך אן אויטענטיש, נישט-ראמאנטיזירט בילד איבער זייער לעבן און טראכטן.

דורכאויס זיינע לענגערע מאנאלאגן, גיט "דען" איבער אמת'ע דברי חכמה און א סך פשוט'ע, אבער גלייכצייטיג קלארע און טיפע רעיונות. כ'וועל נאך אפשר ברענגען דוגמאות, אויב די צייט וועט מיך דערלויבן.

**געפילטע פיש** • 24סטן יאנואר 2014

האלטענדיג אינמיטן 1984, שפירט זיך די תגובה ווי תורה לשמה.

**פיש כאפער** • 24סטן יאנואר 2014

איך האלט אינמיטן DUTY פונעם געוועזענעם דעפענס סעקרעטאר ראבערט געיטס. פאליטיק אין א זייט, איז דער בוך 600 זייטן אנגעפילט מיט אינפארמאציע וואס נאר אזא איינער ווי א דעפענס סעקרעטאר פון צוויי באזונדערע פרעזידענטן (דאס איינציגסטע מאל אין היסטאריע) קען שרייבן. ווי נישט ווי איז ער דאך נישט א פאליטישאן, און קיינמאל געווען איינס, וואס מאכט עס מער צוציענד נעמענדיג אין באטראכט אז (א גרויסער חלק) [עס] איז אמת. הקיצור, עס איז מוראדיג אינטערסאנט פאר איינער וואס גלייכט אמעריקאנער היסטאריע.

**הוגה** • 2טן פעברואר 2014

היות איך זע אז דער עולם האלט אין מיטן ליינען 1984 פון ארוועל, וואלט איך געוואלט רעקאמענדירן אז נאכן ענדיגן זאלט איר ליינען The Impossible State פון וויקטאר טשא. בשעת וואס ארוועל'ס בוך איז הוילע געניאלע פיקציע, איז דער בוך די רעאליסטישע ווערסיע דערפון. טשא גיבט דעם ליינער א בליק אריין אין די קאמוניסטישע נארט קאריע סיי פון א היינטיגן שטאנדפונקט און סיי פון א היסטארישן שטאנדפונקט, אזוי אז דער ליינער פארשטייט ווי אזוי עס האט זיך דערקייקלט צו אזא שווערן צושטאנד, און ווי אזוי א דיקטאטארשיפ קען האבן אזא שטארקע מאכט איבער אזא גרויסע פאפולאציע.

טשא איז געפארן קיין נארט קאריע בשליחות פון פרעזידענט בוש, אבער ער גיבט אויך א שטארקע פארטרעאיל מצד זעקס געוועזענע נארט קאריער בירגער. עס איז נישט צום גלייבן אז אין 2014 איז פארהאן א לאנד וואס עטליכע עליטע טיילן איין פאר מיליאנען איינוואוינער א יעדע טריט און שריט, אריינגערעכנט זייערע מחשבות און רייד.

**געפילטע פיש** • 2טן פעברואר 2014

פאני אז דו זאגסט עס, כ'האב באקומען די זעלבע ראקאמענדאציע פון אפאר אנדערע חברים אין די לעצטע צוויי טעג.

**דער (פינטעל) איד** • 2טן פעברואר 2014

איך האלט שוין פון לאנג אז דו דרייסט זיך מיט שלעכטע חברים

**ודי למבין** • 27סטן אקטאבער 2014

לעצטעמס האב איך אנגעהובן צו ליינען די היסטאריקעל-פיקשען ביכער פון קען פאללעט Ken Follett. ער האט געשריבן א סענטערי טריילאדזשי. די ערשטע בוך הייסט Fall of Giants איז פון דעם ערשטן וועלטס קריג. די קאראקטערס זענען מענטשן פון 5 אנדערע פלעצער פון דער וועלט און אויף גאר אינטערסאנטע וועגן קומען זיי זיך צוזאם אינמיטן די מעשה. די ערשטע איז א 1000 פעידזשעס בוך און איך האב עס ממש נישט געקענט אראפ לייגן פון אנפאנג ביזן סוף.

די צווייטע הייסט Winter of the World און עס רעדט זיך פון דעם צווייטן וועלט קריג און דעם קאלטן קריג. איך האב עס געוואלט ארויס נעמען פון די לייבערערי אבער זיי האבן געהאט נישט וויניגער ווי 32 האלדס אויף דעם (זיי האבן 10 קאפיעס פון דעם בוך)

איך האב באקומען א גאר גוטן פארשטאנד איבער אלע געשענישן פון יענע צייט ווי די אויפשטאנד פון די באלשאוויקן, לענין'ס געדאנקאנגאנג, די אויפגאנג און אונטערגאנג פון דער דייטשער מאכט.

אלעס איז געבויעט אויף אמתע פאקטן און יעדעווארט וואס די אמתע היסטארישע מענטשן זאגן אין די בוך האבן זיי באמת געזאגט. ווי ער שרייבט, "יעדע סינ איז באמת געשען אדער וואלט עס געקענט געשען, יעדעס ווארט איז געזאגט געווארן אדער וואלט געקענט געזאגט ווערן"

הייעלי רעקאמענדעד.

**וויסנשאפט • ליינען**

# ווי לאנג איז א ליינער געשפאנט?

וויפיל ווערטער קען א ליינער פארטראגן, און ווען הערט דער קאפ אויף צו כאפן? א שרייבער זוכט אויס וואס די פארשער זאגן. (די ציפערן זענען דעם שרייבערס, נישט נאכגעקוקט.)

פון **לייבישרייבער**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „ווי לאנג איז א ליינער געשפאנט ?" • 12טן יוני 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16284.html

איך שטיי און טראכט פאר איך שרייב דעם נעקסטן אשכול וואס זענען לענגערע ארטיקלען מיט אריבער צוועלף טויזנט ווערטער פער פאוסט. האב איך מחליט געווען צו מאכן אביסעל ריסערטש און זען ווי לאנג עס איז דער עווערעדזש אטענטשאן ספען איך קען עקספעקטן א ליינער זאל זיין געשפאנט אין וואס ער ליינט.

פארשטייט זיך אליינס, טאמער דער שרייבער איז א שלעכטער שרייבער און דריקט זיך אויס שווער מיטן פעדער איז די אטענטשען ספען נישט מער ווי אפאר סקונדן. אבער לאמיר רעדן פון א גוטער שרייבער און א ציענדער נושא. ווי לאנג איז באמת דעם ליינערס קאפ און פאוקוס באמת אינעם ארטיקעל?

ליינט און שטוינט, איך וועל עס מאכן קורץ פאר צוויי סיבות.

1. איך בין גאר א קנאפער שרייבער און איך וועל פארלירן דעם ליינער ביי די ערשטע צוויי דריי ווערטער

2. ווייל איך ווייס אז איך קען אייך נישט האלטן דעם ליינער געשפאנט מער ווי א קורצע ווײַלע.

(איך האב אייך צו-געזאגט אז די קומענדיגע ארטיקלען וועלן זיין מער במתינות און אדורך געזופט מיט עטוואס ווייניגער טעותים. ווי אזוי האט מיר איינער געשריבן אין אן אישי נישט צו לאנג צוריק, אז אזוי ווי ער האט נישט צופיל צייט וועט ער נישט האבן קיין ברירה נאר מוזן שרייבן א לענגערע בריוו. "די חכמה פון שרייבן איז נישט לאנג נאר פונקט דאס פארקערטע ווי קורצער אלץ בעסער")

גוטע און ווערדפולע סובסטענס, וועט זיין לכל הפחות 500 ווערטער נישט מער ווי 2000 טויזנט ווערטער וואס די לענג פון א יעדן איינציגן ווארט זאל נישט זיין מער ווי 5 אותיות. אויב איז דער ארטיקעל מער פון דעם וועט דער עווערדזש ליינער פארלירן זיין געדולד צו ליינען.

דער סכום נארמאלערהייט קען צו שטעלן אן ארטיקעל וואס איז כדי צו ליינען, און קען האבן אין זיך גענוג אינטערסאנטן חומר דער ליינער זאל זיך דערמיט קענען פארסמאקעווען. מער פון דעם איז דער שטריק פונעם פאוסט שוין עטוואס איבערגעצויגן.

נאך אן אינטערסאנטער פאקט אין שרייבעריי, ווען א שרייבער שרייבט א פאוסט פון 500 ווערטער וועט דער פאוסט זיין אן עווערעדזש פון 2,500 קאראקטארן, מאידך גיסא אויב וועט דער שרייבער שרייבן 2000 ווערטער אין זיין פאוסט וועט דער ארטיקעל ערהאלטן אין זיך בערך 10,000 קאראקטארן.

נאך אן אינטערסאנטער פאקט ווערט באטאנט ביי די ריסערטשער'ס. דער סכום פון ליינען פער טאג וועט זיין געוואנדן אינעם יארגאנג פונעם ליינער. למשל אן אינגער ליינער פון 15-19 יאר אלט וועט ליינען קארגע 8 מינוט א טאג. 20-24 וועט ליינען נישט מער ווי 6 מינוט א טאג. 25-34 א פאר סקונדעס מער ווי 7 מינוט א טאג 35-44 וועט ליינען עטוואס מער פון 9 א האלב מינוט א טאג.

שטימפט?

און איינער וואס איז שוין יא א ליינער, גלייכט צו ליינען וועט זיך זיין פאוקוס נישט האלטן מער ווי 45 מינוט און איין ליינען סעסיע. נאך 45 מינוט וועט דער ליינער אנהייבן פארלירן זיין פאוקוס, און שוין נישט אויף כאפן קלאר וואס ער ליינט. און וואס דער ליינער וועט ליינען נאך 45 מינוט ליינען גייט שוין נישט אריין אין זיין קאפ.

ע"כ איז ראטזאם אז נאך יעדע שעה ליינען זאל מען נעמען א שטיקעל הפסקה, ארײַנדזשירן וואס ער האט געליינט און דאן גיין ווייטער. און נאר אזוי וועט ער געדענקען וואס ער האט געליינט בכל פרטיה ודקדקיה.

איך האלט שוין נאך 520 ווערטער.

אדרבה זאל דער עולם דא אריין קומען קלאר אויב די שטודיעס זענען טאקע ריכטיג צי זיי זענען אנדרעש ווי די שטודיע אראפ געברענגט.

**היסטאריע • ווערטער**

# פון וואנען קומט דאס ווארט „פאשקעוויל“?

יעדער ווייסט וואס א פאשקעוויל איז, אבער פון וואנען קומט דאס ווארט? די ליינער גייען צוריק ביז צו א שטיינערנער סטאטוע אין רוים.

פון **berlbalaguleh, Billy, יעקב פאטאש און אנדערע**

קאווע שטיבל • שפראך און גראמאטיק • „וואס איז דער שורש פונ'ם ווארט "פאשקעוויל"?“ • 14טן יולי 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16418.html

**berlbalaguleh** • 14טן יולי 2023

א יעדער בר בי רב דחד יומא ווייסט וואס א פאשקעוויל איז. נאר מיך האט אייביג געשטערט אז איך ווייס נישט דעם מקור פון דעם ווארט.

דער עצם געדאנק איז נישט ניי. אויך נישט קיין ספעציפיש אידישער חידוש. מיט בערך 200 יאר צוריק איז דאס געווען זייער שטארק פארשפרייט אין אמעריקע. ס'האט געהייסן "האנד ביללס". ווייל מ'האט עס געטיילט אין די הענט פון דעם פאבליק. ס'איז מערסטנס געניצט געווארן דורך פאליטישנס וועלכע האבן געוואלט אראפרייסן זייער קעגנער. דארט איז געווען צוזאמגעשריבן אלערליי רכילות און לשון הרע. טייל יא אמת. און אויך וואס איז נישט געווען אמת. און סתם אזוי ווען איינער האט געוואלט באשמוצן א צווייטן האט ער אפגעדרוקט די פאפירן און עס איסגעטיילט פארן עולם. וויאזוי ס'האט זיך דערקייקלט צו ווערן א אידישע זאך איז מיר נישט באקאנט. [פארקירצט]

נחזור לענייננו: לויט ווי ווייט איך האב געקענט דערגיין זענען דא 2 פשטים (פשט'לעך) אויף פראנצויזיש און אויף ענגליש. והנה...

אין פראנצויזיש זאגט מען אויף אן אום-באוואוסטן שרייבער......Ne pas sait q'uil

ס'איז אפשר נישט גראמאטיש פונקטליך ווייל אין פראנצויזיש זאגט אז "מ'ווייסט נישט"...Je ne sait pas...!

איבערגעטייטשט אויף אידיש זאגט מען...מ'ווייסט נישט ווער (ס'איז דער שרייבער).

אויף ענגליש איז דער פשט זייער פשוט...

Pass the quill...

געב אוועק דעם פעדער...! ווען איינער שרייבט און ער וויל נישט אז מ'זאל וויסן אז ער האט דאס געשריבן געט ער אוועק דעם פעדער...!

[פארקירצט]

**דיכטער** • 14טן יולי 2023

ר' בערל, עס איז זייער אינטערעסאנט וואס איר שרייבט.

בדצ"ח קען מען צולייגן א אידישן מקור דערצו, דאס ווארט קומט אפשר פון: פאטשקע מלשון אנפאטשקענען און קוויל: פעדער...

אז מען רעדט שוין, וואו טאקע קומט צו אייך אזא גוט פראנצויזיש?

**יעקב פאטאש** • 14טן יולי 2023

וויקיפידיע:

A column in the Jewish Daily Forward claims the word as a Yiddish term, pashkevil, borrowed from Polish paszkwil, which itself came from the French pasquil, from the Italian pasquinata.

The term has also been explained as a Yiddish word mean 'protest or cry for help'.

The word made its way from Yiddish into the Hebrew of the Old Ashkenazi Yishuv in Jerusalem.

**Billy** • 14טן יולי 2023

דער לעצטער קאמענטער איז גערעכט אבער די מעשה איז נאך מער אינטערעסאנט ווי דעם.

אין די 1500ס אין איטאליע האט מען אויפגעגראבן אן אלטע סטאטוע נאך פון די רוימער צייטן. מען האט אויפגעשטעלט די סטאטוע אינמיטן שטאט לעבן א שניידער מיטן נאמען פאסקווינא Pasquino (ר' פסח שניידער..). מענטשן האבן אנגעהויבן צו אנקלעפן די סטאטוע מיט פארשידענע אנאנסן און שענדונגען וכו'. אנדערע שטעט אין איטאליע האבן נאכגעמאכט די סטאטוע אידעא און זיי האבן אנגערופן די סטאטוע מיט אירע מעלדונגען על שם דעם שניידער פאסקווינא.

פון איטאליע האט דאסווארט פאסקווינא געוואנדערט צו פראנקרייך און נאך לענדער. אין פוילן איז פאסקווינא געווארן פאשקעוויל.

[פארקירצט]

**berlbalaguleh** • 14טן יולי 2023

יעקב פאטאש: ייש"כ. דו ביסט גערעכט אז אין איטאליעניש (מיט וואס איך בין א ביסל/נישט זייער, באהאוונט) איז דאס ווארט (וויקי/קוואווט) פאסקינאטא טייטש א לאמפאאן/חוזק/נישט ערנסט. נאר איין קליינע הערה. בד"כ. קיין ווערטער פון איטאליעניש זענען נישט אריבער צו פראנצויזיש. ווייל איטאליעניש אליין איז א דעריוואטיוו/דיאלעקט פון פראנצויזיש.

די פראנצויזישע שפראך איז א הויפט שפראך פון וועלכע א סאך ווערטער זענען אריבער צו אנדערע שפראכן. אריינגערעכנט ענגליש. און אידיש. (סורפרייזינגלי).

וויקיפעדיע איז טאקע זייער א נוצליכער פארום. נאר נישט אלעס וואס זיי פארקויפן איז תורת לאקשן. זיי אליין שלאגן פאר אז מ'זאל עדיטן זייערע סעטיטמענטס.

**איבערלעבונגען**

# א באזוך ביים דרוקעריי

פון דער סעריע „מיין איבערלעבענישן“: א וויכטיגע מיטינג, פלענער וואס מען מוז נאך ארויספרינטן – און א נייגעבאקענער טאטע אין דער ריי מיט א וואכנאכט־צעטל.

פון **פיש כאפער**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „א באזוך ביים דרוקעריי, אין די סעריע פון ”מיין איבערלעבענישן“” • 24סטן יוני 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9160.html

ש@%! ס'איז 7:15! וויאזוי האב כ'געקענט פארשלאפן?! כ'האב א וויכטיגע אפאוינטמענט ביי HUD היינט וואו איך דארף פארלייגן מיין 'פלענס' פאר א 'רי-דעוועלאפמענט' פראיעקט אין די בראנקס, כ'דארף נאך ארויספרינטן די פלענס, און די מיטינג איז געפלאנט אויפן היינטיגן פארמיטאג אא"וו.

מיט איין אטעם טאנץ איך פון בעט ארויס, לויף אין שול אריין, זאג למנצח בצורת מנורה (אזוי'ווי כ'טו אלעמאל פאר כ'האב א וויכטיגע מיטינג) כ'דאווען שוין אין איינוועגס אויכעט, און עוד נשמתי בידי, צווישן אני מאמינ'ס און שש זכירות, פלי איך אריבער צו 'פרינטאוט' ארויסצופרינטן מיין פלענס. אוודאי איז נישטא וואו צו פארקן, שטעל איך מיר ביים פייער היידרענט, איי, א טיקעט? גלייב איך אז אויב די מיטינג גייט אדורך גיין בחסד בעז"ה, און אויב דער פראיעקט ארבעטס זיך אויס ווי געפלאנט בעז"ה, וועל איך לכאורה נישט האבן א פראבלעם מיטן באצאלן א קארגע 65 דאלערדיגע טיקעט. על כל פנים, ביז דער פראיעקט איז פערטיג וועל כ'שוין נוצן דעם קרעדיט קארטל.

אזוי טראכטנדיג נאר פונעם דיעל איז מיר שוין לייכטער געווארן אויפן הארץ. געמיטליך שפרייז איך אריין אין 'פרינטאוט' און מיט אן עושר'ס קאנפידענץ (א נאטור וואס כ'האב אקארשט אנטדעקט אין זיך) האב איך געפאדערט מ'זאל מיך 'סערוויסן'. אייגנטליך, כ'האב נישט ממש "געפאדערט", וואס אן אמת, האב כ'מיך שיין געשטעלט אין א זייט, אבער דאס איז נאר געווען וויבאלד פארנט פון מיר איז סערווירט געווארן א כולל אינגערמאן. אן אינגערמאן מיט א לעכטיגע צורה, פארשלאפענע פיאות, גארטל במתניו, און פונעם ווינקל פון מיין אויג האט דער שפילצייג אין זיין האנט אויסגעקוקט ווי אן אבאמא פאון.

ווערסטו אוודאי פרעגן וואס זיכט א כולל אינגערמאן 8:35am אין 'פרינטאוט'? לכתחילה האב איך מיר פארגעשטעלט אז א א חבר זיינער לויפט דעם געשעפט, און אונזער תכשיט'ל וויל פשוט ניצן דעם קאמפיוטער. אבער דאס האט נאר פארענטפערט פארוואס ר'איז בכלל אינעם געשעפט, אבער נישט פארוואס ער איז אזוי פרי אינעם געשעפט, נאך אלעם ארבעט גוגעל אום כולל צייט אויכעט (גע'פילטערטע אוודאי). אונזער אינגערמאן האט מיר נישט לאנג געלאזט זיך מאטערן מיט מיין ספיקות, און אויסגערופן הויעך אז ער דארף אן איינלאדענונג צעטל פאר א וואכנאכט. אין שמחה כהתרת ספיקות, ווייס כ'שוין פארוואס ער איז אויף אין די פארטאגס שטונדן. אונזער צדיק איז עכ"פ אקארשט אהערגעקומען פונעם שפיטאל ווי זיין בני בית האט נאר וואס געבוירן אן אינגעלע בעיבי למז"ט!

מיין שמחה אויף התרת ספיקות איז זייער שנעל צורינען ווי נאר איך האב רעאליזירט אז כ'גיי מיר נישט אזוי שנעל ארויסזען פונעם געשעפט. אנגעהויבן האט זיך עס מיטן איינלאדענונג צעטל'ס קעפל. דער אבי הבן אונזערער האט 'דייקא' (כ'זאג נאך וויאזוי ער האט עס געזאגט) געוואלט ס'זאל שטיין 'וואכנאכט' און נישט 'וואכנאכט וברית מילה' ווייל סיי זיין יצחקל און סיי זיין חיים ברוך'ל זענען נישט געווען גרייט צום ברי"מ אום אכטן טאג. "יצחקל איז געווען רויט און חיים ברוך'ל איז געווען געל.... הממם... פארקערט יצחקל איז געווען געל און חיים בר..." ער גיבט א האק אין שטערן "איך דענק שוין נישט" "לאמיך רופן מיין שווער פרעגן". רופט ער דעם שווער, דער שווער האט מחמת איזה סיבה שיהי' נאר געוואלט וויסן וואס די יולדות מאכט, און ער האט נישט געוואלט נעמען 'נו...שוין...כי...' פאר אן ענטפער. ענדליך האט דער גאנאיידעם דערלעבט צו פרעגן זיין הייסע פראגע צו יצחקל איז געווען רויט און חיים ברוך'ל איז געווען געל אדער פארקערט אז יצחקל איז געווען געל און חיים ברוך'ל איז געווען רויט. דער שווער האט זעט אויס נישט פארשטאנען די פראגע, ווי ווייט ער האט געדענקט פון פאריגע וואך מוצ"ש זענען זייביידע נאכאלץ געווען רויט (אדער ווי די שוויגער האט עס גערופן 'סטראבערי בלאנד')

שוין, האט ער שוין געזען וואו ער גייט אנקומען מיטן שווער זיינעם, האט ער אנגענומען די ברכות פונעם שווער (ער האט נישט עספיעט צו הערן די קללות ביים אראפלייגן נאכן איינמעלדן דעם שווער אז ער גיט סנדקאות פאר דעם משפיע זיינעם) און צוריק גיי מיר צום נוסח ה'איינלאדענונג צעטל צום וואכנאכט

(נישט צום ברית! סיי מיין יצחק'ל און סיי מיין חיים ברוך'ל זענען נישט געווען גרייט צום ברי"מ אום אכטן טאג).

דא שפרייזט אריין נישט קיין אנדערער ווי דעם אבי הבן'ס ברודער, דער צוקונפטיגער קוואטער. "מזל טוב!!! זאלסט זען אסאך אידיש נחת ביי דעם בן זכר, ביי אלע אנדערע בן זכר'ס, געזונטערהייט, מיט הרחבת הדעת, ולגדלו לתורה לחופה ולמעש"ט!" "וויאזוי פילסטו? מיד? הע? דאנט ווארי! די ווייב איז נישט אינדערהיים, די קינדער אויך נישט, וועסט דיר אויסרוען ביפאר יא נא איט!" "אייגנטליך, ביי וועמען שיקסטו דיין יצחק'ל? אה, ביי דיין שוואגער עזריאל, און כ'שטעל זיך פאר אז חיים ברוך'ן איז ביי יעקב אליעזר, און דאס עלטערע מיידל? ביי משה'ן. פיין. און דאס אינגערע? אויך ביי משה'ן? ער האט פלאץ? אהא. שוין ס'זאל מיט זיין מזל..."

ווייטער האב איך שוין נישט געהערט, מיין קאפ האט מיר שוין געשווינדלט. צווישן אזויפיל פעטערס און שוואגערס, וואו איז מיין פלענס!!!! גאט אין הימל כ'האב א וויכטיגע מיטינג!! כ'פארשטיי אז איך וואלט געברויכט ארויספרינטן די פלענס א טאג בעפאר, אבער לויט דער דאזיגער לאגיק וואלט דער אבי הבן געברויכט עס טאן מיט א ניין חדשים צוריק!

האלטן מיר שוין ב"ה באלד ביים סוף, און אט איז אנגעקומען דער פראבלעם. דער דרוקער האט זיך ערלויבט צו שרייבן דעם אבי הבן'ס נאמען ווי פאלגענד "שלום וויינשטאק" וועסטו דאך אוודאי פרעגן וואס טאקע איז דער אבי הבן'ס נאמען? דער תירוץ צו דעם איז אז דער אבי הבן'ס נאמען איז טאקע שלום וויינשטאק, נאר וואזשע דען? איז אזוי. דער ר' שלום אונזערער האט זיך געלאזט מעלדן אז מ'שרייבט דעם נאמען שלו' מיט א שטרעכל'ע און נישט ח"ו שלום מיט אן ענדע מם. מ'שטיינס געזאגט שלום איז גאר דעם אויבערשטן'ס א נאמען, און דעם אויבערשטן'ס נאמען, ווי איעדער חדר אינגעל ווייסט, שרייבט מען נישט ארויס. פארוואס אונזער ר' שלום'ס טאטע האט אים א נאמען געגעבן נאכן אויבערשטן און נישט נאך א זיידע אדער גאר אן עלטער פעטער, קען איך אייך נישט זאגן, ווייל איך ווייס נישט. אזויפיל ווייס איך יא, אז דער ר' שלום, וואס הייסט נאכן אויבערשטן, האט געהאט נאך כמה פראבלעמען וואס ער האט געמוזט מסדר זיין איידער מ'דרוקט די וואכנאכט (נישט ברית!) איינלאדענונג.

כ'געדענק נישט דעם סוף, ווייל ס'האט מיר אנגעהויבן צו שווינדלען, שווארצע מלאכים זענען מיר אנטקעגן געקומען ביז ס'איז מיר געווארן אינגאנצן טונקל, און איך האב מיך אויפגעוועקט ליגנדיג אויף דער ערד. מיין באקן האבן מיר שטערבליך וויי געטאן. עכ"פ דער רך הנימול איז אריינגעפאלן אין א פיינער שטוב, מיט א פיינעם חינוך, ווי עס שיינט פון זיין פאטער, דעם אבי הבן, ר' שלום'ס (וואס הייסט נאכן אויבערשטן) גרויסע האנט וואס האט מיט גאר פלינקע באוועגונגען מיר דערלאנגט אזוינע פייערדיגע פעטש, אזש כ'האב שיעור נישט צוריקגעפאלן אין חלשות. איך האב געזען ס'איז פיקוח נפש, כ'האב שנעל געוואונטשן ר' שלו' מזל טוב, און ארויסגעלאפן. ע"כ המעשה.

וואס? אה! דער דיעל האט זיך למעשה נישט אויסגעארבעט, מחמת כמה סיבות, 1) זיי זענען אנטיסעמיטן, נאך ערגער ווי די אנטיסעמיטן אין בלומינגבערג און די נאציס ביים האלאקאוסט. 2) זיי האבן געוואלט איינעם מיט עקספיריענס, און מיין שותף האט נישט געהאט די נויטיגע עקספיריענס.

וואס? פארוואס פארצייל איך עס? אה! כ'וואלט געוואלט וויסן אויב דו ווייסט אפשר פון איינעם וואס 'פייט' פארקינג טיקעטס פארן פארקירן פארנט פון א פייער היידרענט. וועסט מיר לאזן וויסן. אוואס? ניין, נישט פאר מיר, פאר א שותף מיינער. יא. יישר כ. הצלחה רבה.

קולטור • ביכער

# George Orwell און זיינע ביכער

„הוגה“ שרייבט א רעצענזיע אויף „1984“ און „Animal Farm“, און די ליינער ענטפערן: וועלכער בוך רעדט מער צו אונז, צי איז ארוועל געווען א סאציאליסט, און פארוואס ענדיגט קיינער נישט 1984.

פון **הוגה, קורקלענד, יידל און אנדערע**

קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • „George Orwell און זיינע ביכער“ • 18טן יוני 2013 – 11טן סעפטעמבער 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4103.html

**הוגה** • 18טן יוני 2013

George Orwell איז איינס פון די מערסט באקאנטע שרייבער און נאוועליסט אין די צוואנציגסטע סענטארי. זיין עכטע נאמען איז עריק ארטור בלעיר און ער האט גענוצט George Orwell אלץ זיין פען-נאמען. ער האט געוואוינט אין לאנדאן, ענגלאנד און ער איז געשטארבן גאנץ יונג. זיינע ביכער זענען געשריבן געווארן באזירט אויף זיינע וועלטליכע און פאליטישע שיטות. ער איז געווען א שטארקער אפאנאנט פון טאטאליטעריאניזם בכלל און קאמוניזם בפרט. איך אליינס האב נאר געליינט זיינע צוויי מערסט באקאנטע ביכער, 1984 און Animal Farm וועלכע האבן צוזאמען זיך פארקויפט איבער דער וועלט מער ווי סיי וועלכע צוויי ביכער פון איין שרייבער פון ווען אימער.

זייער אסאך פון זיינע פראזעס ווערן היינט באנוצט אריין גערעכנט אין דעם טאג טעגליכן לעקסיקאן. לדוגמא – cold war, big brother און thought police. זיין נאמען ווערט אפיציעל גענוצט צו דעסקרייבן א געוויסע קאלטור אלץ ארוועליען. ארוועליען מיינט א טאטאליטעריען קולטור ווי די פאר פירער פון אויבן קאנטראלירן אלעם און אלעמען, ספעציפיש די אקענאמיע און דאס פירט די גאנצע געמיינדע פון דער קולטור טיף אין דער ערד פון אלע זייטן, א שטייגער ווי קאמוניסטישע לענדער.

1984

דער בוך איז א Masterpiece! עס איז פובליצירט געווארן אין 1949. די מעשה איז אבער פלאצירט אין דער imaginary וועלט פון 'ארוועל' אין דעם יאר 1984.

(דער בוך מוז געליינט ווערן אין דעם קאנטעקסט פון יענע צייט ווען עס איז געשריבן געווארן, באלד נאך דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען די צוויי וועלט מאכטן האבן זיך צוטיילט אזוי נישט-מיר נישט-דיר מיט לעדערלעך פון דער וועלט כאילו ס'וואלט געווען לאטקעס. רוסלאנד האט געהאלטן אין איין צולייגן לענדער צו זייער סאוויעטישן פארבאנד פון קאמוניסטישע לענדער, און אמעריקא האט זיך געהאלטן אין איין אויפבויען מיט אירע אלאירטע לענדער.)

די וועלט איז צוטיילט אין דריי גרויסע רעגירונגען וועלכע לעבן א יעדן טאג אונטער דעם שאטן פון דעם נעקסטן אנקומענדן גרויסן קריג צווישן די דריי. די מעשה איז אין דער אשיען פראווינס פון איינער פון די רעגירונגען. דער הויפט כאראקטאר ווינסטאן סמיט איז גאנץ א פשוט'ער בירגער פונען לאנד און דער נארעיטאר גייט אים נאך אין א ראלער קאוסטער פון א מעשה וואס אנטפלעקט ווי די רעגירונג קאנטראלירט וואס מענטשן עסן, ליינען, טוען פאר פארוויילונג, רעדן, ארבייטן, הייראטן וכו'.

דאס גאנצע לאנד איז קאנראלד, פאטראלד און אונטער דער אויפזיכט פון סיקרעט פאליציי וואס קוקן נאך צו מאכן זיכער אז קיינער גייט נישט ארויס פון די ליין. ווען יא, ווערט דער מענטש פארשווינדן צו א ספעציעלן פלאץ וואו זיין מח ווערט געפיקסט אז עס זאל שטימען מיט דער אגענדע און מיט דעם לאנד. אויך באקומען מיר א בליק אריין אין דעם מידיא דעפארטמענט וואו מיר זען ווי אזוי זיי דארפן ארבייטן איבערצושרייבן היסטאריע א יעדע פאר יאר כדי עס זאל שטימען מיט וואס די פירערשאפט טוט יעצט און מיט זייער יעצטיגע אגענדעס און פירער (אגב, דאס געשעט היינטיגע טעג אין נארט קאריע).

עס איז נישט מעגליך פארצושטעלן די genius פון ארוועל פארן קענען שרייבן אזא בוך. איך בין נישט זיכער אויב ארוועל האט טאקע געהאלטן אז די וועלט וועט אזוי אויסזען אין 1984 (אין א געוויסן זין האט טאקע אזוי אויסגעזען אויף געוויסע ערטער) אדער איז דאס געווען א הוילע פאנטאסטישע נאוועלע. ווי אזוי עס זאל נאר זיין איז זיין imagination איינס אין דער וועלט. אין א קורצע באשרייבונג איז נישט מעגליך אראפ צו ברענגען אלע פרטים פון דער מעשה, אבער אויב זענט איר אן avid ליינער איז דער בוך גאר שטארק רעקאמאנדירט.

### Animal Farm

דער בוך איז אין מיין אפּיניאָן מער געניאַל ווי 1984. דער בוך איז געשריבן געוואָרן אין 1943 און פּובליצירט אין 1945. דער בוך איז א משל אויף לענין, טראָצקי און סטאלין און אנדערע רעוואלוציע פירער אין דער קאמוניסטישער רעוואלוציע פון 1917.

א גרופּע בעלי חיים, חזירים, פערד, אייזל, שעפּעלעך, הונט וכו' פון א פארם אין ענגלאַנד נעמען זיך צוזאם נאָך דעם וואס זיי זענען מיד געווארן פון ארבייטן אזוי שווער נאָר כדי אנדערע (מענטשן) זאלן קענען האבן הנאה, און זיי זענען מחליט אז זיי וועלן מכאן א רעוואלוציע אקעגן די מענטשליכע בעלי בתים פון דער פארם. נאָך דער רעוואלוציע ביי א מיטינג פארשפרעכן די פירער פון דער רעוואלוציע (די חזירים) גלייך-בארעכטיגקייט פאר אלע, און אז קיינער וועט נישט זיין גרעסער איינער פון אנדערע, אדער געוועלטיגן איינער אויפן אנדערן.

מיט א פרישקייט האבן זיך אלע בהמות וחיות געגומען ארבייטן פלייסיג וויסנדיג אז זיי ארבייטן "נאר" פאר זיך. אויך האבן זיי געוויסט אז יעצט וועט זייער ארבייט זיין אסאך גרינגער צוליב דעם וואס זיי דארפן נישט טיילן זייער עסן מיט די פאראסיטישע מענטשן וואס ארבייטן נישט, ווי אויך אז קיינער וועט נישט נוצן זייער האנט-ווערק זיך צו בויען די רייכקייט.

די צוויי קלוגע חזירים זענען (אנשטאט ארבייטן) פארנומען א גאנצע טאג אויספלאנירן וואס מען קען טון צו פארבעסערן די פארם. שטייטליך האבן זיי פארשטייט זיך איבערגענומען די פירערשאפט און האבן געטון מיט אלעס ככל העולה על רוחם. דער בוך ענדיגט זיך מיט דעם נייעם סלאגאן פון די Animal Farm.

ALL ANIMALS ARE EQUAL, BUT SOME ARE MORE EQUAL THAN OTHERS

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז ארוועל אליינס איז געווען א שטארקער סאציאליסט, און ער טוט קיינמאל אין זיין שרייבווערק נישט אוועק מאכן דעם סאציאליסטישן אידעאליזם, אדרבא ער דערהייבט עס גאר שטארק. ער איז נאר געווען א שטארקער שונא פון קארופּציע, און דאס איז די הויפט טעמע איןביידע ביכער. אין מיין אפּיניאָן שטעקט אין דעם אביסל די שוואכקייט פון ארוועל אז ער האט געלעבט אין דעם utopian חלום אז סאציאליזם קען פונקציאנירן פאר א לענגערן צייט-אפּשניט אן קיין קארופּציע.

איך פערזענליך האב שטארק אינטערעסע אין Animal Farm. קארופּציע דורך געמיינדע פירער איז א hot buttun issue פאר מיר. אין Animal Farm האב איך געפונען זייער שטארקע ענליקייטן צו מיינע mental קאשמארן. אין א געוויסן זין זע איך אין דעם בוך געוויסע כאראקטארן וואס פלאגן היינט די חרדי'שע וועלט און אירע געמיינדעס. זייער אסאך סענטימענטן וואס ווערן אזוי eloquently געליינט צווישן די שורות פילן אסאך (איך בין אסאך ) אין אונזערע געמיינדע ביחס צו די פירער.

כמעשהו בראשו כך מעשהו בשני, דאס איז א קורצע מעשה וואס איך רעקאמאנדיר שטארק פאר קינדער און ערוואקסענע צוגלייך.

וואס האלט איר?

**בן תמליון** • 18טן יוני 2013

יישר כוחכם פאר א הערליכן צום זאך איבערזוכט אויף די צוויי וועלט בארימטע ביכער. ווען איך האב געליינט 1984 בין איך נישט געווען ביי זיך פאר א פאר וואכן. איך שוין דא איינמאל פארגעשלאגן ערגעץ אז מען דארף איבערזעצן ענימל פארם אין היימיש אידיש. איך פיל אויך עס רעדט שטארק צו אונז.

**יידל** • 18טן יוני 2013

כ'מיין אז 1984 רעדט אין א געוויסן זין מער צום חרדישן ציבור ווי ענימעל פארם. אבער ענימעל פארם איז פיל געשמאקער לענ"ד (אפשר ווייל כ'האב ליב א משל ונמשל).

**הוגה** • 18טן יוני 2013

א געלונגענער בוך וואס איז גוט געשריבן איז timeless. דאס מיינט אז עניבאדי פון עני era קען טרעפן עפעס אינעם בוך וואס רעדט צו זיי, און א טעמע וואס איז אויף זייער אגענדע.

מייקל סעוועדזש (און זר זהב) זען אין דעם בוך א נביאות צו אמעריקא בימי מלוך אבאמא. יידל זעט דערין (אויב איך האב גוט פארשטאנען) א צושטעל צו דעם מצב ביי אונז וואו עלטערע ערוואקסענע מענטשן ווערן קאנטראלירט אויף יעדע טריט און שריט דורך זייערע קהלות און מוסדות.

סטיוו דזשאבס האט אין יאר 1984 ביים סופער באול אדווערטייזד זיין ניי ערפינדענע מעקאנטאש קאמפיוטער. די טעמע פון דעם קאמערשעל איז געווען ארוועל'ס 1984. דער קאמערשל איז איינס פון די מערסט באקאנטע קאמערשלס. הונדערטער ארטיקלען און קאמענטעריס זענען געשריבן

געוואָרן דערויף. און דער מעקאַנטאַש איז טאַקע געווען אַ סוקסעס.

בן תמליון:
איך בין טאַקע סורפּרייזד. איך האָב יעצט געמאַכט אַ סערטש און איך האָב נישט געטראָפן דעם בוך עניִמל פאַרם טראַנסלעיטעד אין אידיש. איך ווּנדער מיך פאַרוואָס קיינער האָט עס נישט געטון ביז היינט.

ארוועל האָט געשריבן נאָך ביכער. האָט איינער דאָ געליינט אַן אַנדערן בוך פון אים?

**געפּילטע פיש** • 12טן נאָוועמבער 2013

ס'איז גראָדע יאָ איבערגעטייטשט געוואָרן אויף יידיש, ס'הייסט "דער חיות-פאַלוואַרק", אָבער כ'זעט נישט אויס ווי מ'קען עס קויפן אָדער דאַונלאָודן אָנליין.

**פידלער** • 12טן נאָוועמבער 2013

ווער איז די טראַנסלעיטער?

**געפּילטע פיש** • 12טן נאָוועמבער 2013

שמואל ניידארף און לאה ראָבינסאָן.

**קורקלענד** • 11טן סעפּטעמבער 2017

לעצטנס געליינטביידע ביכער, נאָכדעם וואָס אַ חבר מיינער אַ סאָציאַליסט האָט מיר עס רעקאָמענדירט האַפּענדיג אַז ס'זאָל מיר איבערעדן. צוויי שיינע קלאַסישע ווערק, געשריבן פּשוט אין גראַד אָבער עס הערש אַן עמקות אין יעדער שורה.

נאָכן ליינען ביידע ביכער בין איך קיין סאָציאַליסט נישט געוואָרן, אויב עפּעס איז עס מיר געוואָרן אַסאַך שווערער צו פאַרשטיין וויאַזוי סאָציאַליזם קען בכלל אַרבייטן אָן קאָרופּציע. ס'האָט מיר אַרויסגעבראַנגט די אמת'ע שוואַכקייט פון דעם הומאַניסטישן קלאַס אַז סיי ווער ס'איז ביים רעדל וועט נישט אינזין האָבן קיינער חוץ זיך. אויך האָב איך באַמערקט אַז אין 1984 האָקט ער נישט בכלל אויף קאַפּיטאַליזם, ער דערמאָנט קאַפּיטאַליזם אַלץ עפּעס אַ היסטאָרישע באַוועגונג וואָס האָט אויפגעהערט עקזיסטירן דורות פריער. און ער לייגט עס עפּעס מיט אַזאַ שפּאַס אויף די וואָס מאַכן זיי אַוועק היינט צוטאָגס. איך האָב נישט באַמערקט וואו ער זאָל עפּעס שרייבן וואָס זאָל אמת'דיג פּראָבירן אָוועקצומאַכן קאַפּיטאַליזם.

אין זיינע ביכער האָב איך אויך נישט באַמערקט אַז ער זאָל עפּעס שטאַרק משבח זיין אָדער זיך אָנעמען פאַר סאָציאַליזם. סך הכל שרייבט ער אַז ס'וואָלט געווען אַ שיינע זאַך אָן קאָרופּציע.

עכ"פ אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען.

יש"כ הוגה פאַרן אויפמאַכן דעם אשכול און שרייבן אַזאַ שיינע אריכות'דיגע קלאָרע רעוויו.

**הוגה** • 11טן סעפּטעמבער 2017

ארוועל איז בכלל נישט געווען אַ סאָציאַליסט. Animal Farm איז דירעקט געשריבן געוואָרן אַקעגן די דעמאָלטסדיגע קאָמוניסטישע (סאָציאַליסטישע) קליקע אינעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד.

**ליטוואַק פון בודאַפּעסט** • 11טן סעפּטעמבער 2017

די סבה פאַרוואָס ס'איז שווער צו ענדיגן 1984 איז ווייל ס'ווערט לאַנגווייליג. מ'דרשנ'ט און פּלוידערט, אַנשטאַט'ס לאָזן דעם לעזער אַרויסנעמען דעם פּאוינט אַליינס.

הומאר

# ווער איז א גוטער שרייבער?

פון דער סעריע „געפעק פון איבער'ן ים“: ווי אזוי ווערט מען א שרייבער אין דער חרדישער פרעסע? מען לערנט זיך אויס צו „ספעלן“ פרעצעדענטלאז.

פון **Ben Ami**

א וועלט מיט וועלטעלעך • 2007 • „ווער איז א גוטער שרייבער?“ • 31סטן דעצעמבער 2007
https://veltelech.sites.tab.bot/t/44.html

---

אין דער חרדי'שער וועלט איז א שרייבער דער וואס האט ביי זיך אזוי באשלאסן. אויב איינעם האט זיך פארגליסט צו ווערן א שרייבער, שמעקט ער אביסל ארום אין די פרומע צייטונגען פאר ווערטער- און זאצן-אויסלייג, און אינעם טאג ווען ער לערנט זיך גוט אויס צו "ספעלן" דאס שווערסטע ווארט אין אידיש - למשל "פרעצעדענטלאז" - וואקסן אים ארויס שתי שערות ויקרא שמו בישראל "שרייבער".

פון דעם מאמענט און ווייטער איז ער גאר א צווייטער מענטש. ער באטראכט שוין זיין ארום און די גאנצע וועלט מיט גאר אן אנדערן בליק - מיט א "שרייבערישן" בליק. אין זיינע אויגן ווערט ער דורכן המון באטראכט ווי עפעס א באשעפעניש פון א גאר צווייטן קאליבער ווי דעם דורכשניט. זיינע אויגן זענען שוין נישט גלאט אזוי זע-אפאראטן, נאר סאפיסטיקירטע סקאניר-מאשינדלעך וועלכע באנעמען אלעס ביזן סאמע תוך און באקומען פונעם סוביעקט ארויס געפערליך דעליקאטע אינפארמאציע.

דער שרייבער איז שוין היינט א מענטש מיט א מיינונג. מען קומט פרעגן דעתו הברורה איבער כמה ענינים וואס שטייען אויפן סדר היום: "דו האלטסט אז ראמני וועט עס מאכן?" פרעגט אים א איד דריי מאל זיין יארגאנג מיט א געפילן-געמיש פון חצי רעספעקט, חצי קנאה.

"זיכער!" ציט אונזער שרייבער זיינע ווערטער כפיטורי בפי ושט. ער איז גענוג ברייטהארציג מיטצוטיילן זיינע געדאנקען מיט פרעגערס, הגם אנדערע שרייבערס, צום ביישפיל וויליאם סעפייער, זענען ביי זיך בגדול הנורא און ס'וואלט זיי קיינמאל נישט געפאסט זיך אראפצולאזן און דורכשמועסן ענינים העומדים ברומו של עולם מיט סתם אזוי פלאכע "נישט-שרייבער" עמך-אידן.

דער פרעגער גייט אוועק טויט צופרידן. דאס מזל האט אים באגליקט; ס'איז אים געלונגען צו כאפן א שמועס מיט א שרייבער און הערן אן ערשטהאנטיגן באריכט פון וואס טוט זיך אויפן פראנט ביי יענעם אין מוח.

דאס זענען אונזערע שרייבער. צו וואס טויגן זיי אבער? אך! א וועלט קענען זיי איבערדרייען מיט דער פען! מאכט זיך אמאל א גרויסע רבי'שע שמחה. דארף מען דאך די שמחה ממשיך זיין און אריינפירן אין צייטונג. איר וואלט עס קיינמאל נישט געקענט טאן. וואו הייבט מען אן? איר וואלט פארלוירן געגאנגען נאר איידערן נעמען די פען אין דער האנט. אונזערע שרייבערס אבער האבן נישט דעם פראבלעם. "דאס יהדות החרדית איז נאך אלץ אונטער גערויש פון שמחה און התרגשות... שוין דורכגעגאנגען עטליכע טעג זייט חסידים ואנשי מעשה האבן געטאנצן ביי דער שמחה בבית צדיקים... און מען קען נאך אלץ נישט אויפהערן רעדן דערפון... ווי א שטראם פון עלעקטריציטעט וואלט דורכגעלאפן דעם זאל האט דער טויזנט-קעפיגער עולם אנטפאנגען דעם רבי'ן שליט"א און ספאנטאן אויסגעבראכן אין א געזאנג פון קול רינה וישועה... א ים פון שטריימלעך האבן זיך געדרייט אין רינגען... וינועו אמות הסיפים..."

פארשטייט איר, אויסער דעם וואס אונזערע שרייבערס זענען בטבע געבענטשט מיט א חוש פאר דער מלאכת הכתיבה, האבן זיי אויך גענומען לענגערע קורסן דורך דורכלייענען די אידישע צייטונגען און זיך איינ'חזר'ן אלע "שווערע", אומגעוועגליכע, "שרייבערישע" ווערטער. נוצר תאנה יאכל פרי' - יעצט, ווען ער איז שוין אנגעקומען צו דער דאזיגער הויכער מדריגה און איז אליין א שרייבער, שאקלט ער אויס פון ארבל דאס גאנצע בקיאות. צום וויניגסטענס צוויי מאל אין יעדן זאץ - וואס באשטייט געוועגליך פון א געוועב פון זאפטיגע מליצות - ווארפט ער אזוי מהיכי-תיתי אריין אן אומגעוועגליך ווארט. למשל: נאך "אכן מה נהדר הי' המראה", קומט אריין, "דער עולם האט 'ספאנטאן' אויסגעבראכן אין א געזאנג". נעבן "[די פערל ווערטער פון דעם חשוב'ן בעל דרשן האבן זיך געגאסן] שמחין כנתינתן מסיני", איז נישט שלעכט "און דער 'פילצאליגער' עולם האט געשלינגען מיט דארשט די אינהאלטסרייכע [בלא בלא בלא]".

איך, זעט איר, בין אויך א שרייבער. איר גלייבט נישט, הא? וועל איך אייך געבן נישט איין, נאר מערערע סימנים:

"שטאנדהאפטיגע, אויסשליסליכע, פרעצעדענטלאזע, דעמאנסטראציע, שפעקולאציע, גואטאנאמא בעי, קאלין פאוועל, נאטא, קאלאמביע, ווייסע-הויז ווארטזאגער, מאסן פארניכטונג וואפן, שווארצער מארקעט, נעא נאציס, ראסיסטן, באגאסן מיט שוויס, שטערנס פינקלען, משוגענע קו קראנקהייט, פריימעריס, קאקוסעס, קאנווענשאן, שמעק הינט, אינפלאציע, אלען גרינשפאן, זעלבסטמארד אטאקע, אזויגערופענער "הרב"..., מ'שטיינס געזאגט, עיר ה' שמה, אנטריסטונג, פאסטקע, ואת ארידי, ואת אריזי, ואת ויזתא, ואת פרמשתא..."

געגוג?

יעצט רעדט, זייט מוחל, צו מיר מיט אביסל מער רעספעקט!

---

**קורץ און שארף**

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך וועגן ליינען און שרייבן: צוויי ערשטע שפראכן, א בלינדער וואס פירט, א שורה פון א בוך, און א חשבון פון לאגער־יארן.

---

## צוויי ערשטע שפראכן

**ונבנתה העיר:**

און אז דו רעדסט פון ערשטע שפראכן, כאפ איך מיר אז כ'האב צוויי: אידיש אין רעדן, און לשוה"ק אין שרייבן.

קאווע שטיבל • 11טן נאוועמבער 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html#p438156

---

## די בלינדע פירן די הינקעדיגע

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

אדרבא, איך בין אפן צו יעדער סארט קריטיק אין דער (די?) הינזיכט. איך מיין אבער אז די סארט גרייזן זענען אזוי מאסגעבנד, אז פון ליינען ביכער און צייטונגען וועל איך זיך נישט אויסלערנען וויאזוי צו שרייבן, ווייל די בלינדע פירן די הינקעדיגע (ווי מ'זאגט אויף ענגליש).

קאווע שטיבל • 12טן נאוועמבער 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html#p438242

## א שורה פון א בוך

**בן עיר:**

איך האב לעצטנס געליינט אין א בוך א שורה וואס איז מיר זייער געפאלן

לא בחרתי בחיים האלה, אך אין לי חיים אחרים

קאווע שטיבל • 23סטן מערץ 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12717-4.html#p496912

## א מצוה, א הידור, און יוהרא

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

אח"ד הי"ד (הרב אלחנן חיים דוד מאראזאוו) האט געזאגט, "איין יאר אין לאגער איז א מצוה, צוויי יאר איז א הידור. דריי יאר איז שוין יוהרא"

קאווע שטיבל • 26סטן אויגוסט 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13302.html#p435393

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 25סטן יאנואר, אין פריערדיגע יארן?ביידע מאל וועגן דעם געדרוקטן ווארט: א שטרייט איבער צייטונגען אין בארא פארק, און א בוך וואס מען קען היינט כמעט נישט געפינען.

10
יאר צוריק
2017

## שטרייט צווישן בארא פארקער גראסעריס און היימישע אויסגאבעס

**יאהאן** • דער קרעטשמע • עולם ומלואו • 25סטן יאנואר 2017

ארום 35 גרעסעריס אין בארא פאק האבן ארויסגעגעבן א געמיינזאמע סטעיטמענט אז זיי וועלן אויפהערן פארקויפן היימישע צייטונגען און מאגאזינען, וויבאלד זיי פארדינען צו וויניג אויף דעם, און עס פאדערט אסאך פלאץ און ארבעט צו אנהאלטן דעם סערוויס פאר די איינקויפער. די גראסערי אייגענומער זאגן אז פארקויפן צייטונגען איז א סערוויס וואס זיי זוכן צו געבן פאר די קליענטן, אבער וויבאלד די ארויסגעבער זוכן צו האלטן די פרייזן נידריגער ברענגט דאס דערצו אז די געשעפטן מוזן אויסגעבן געלט צו אנהאלטן דעם סערוויס.

אין דעם בריוו שרייבן די גראסעריס אז טראץ וואס אלע פרייזן זענען ארויף, צוליב א העכערונג אין רענט, און אין דעם מינימום געהאלט, איז אבער די פרייזן פון די צייטונגען געבליבן נידריג, און דאס מאכט זיי שאדן. אבער די צייטונגען, וועלכע פלאגן זיך צו פארקויפן גענוג קאפיס צו קענען אנגיין האבן זיך אנטזאגט צו העכערן די פרייזן.

דערווייל האבן אלע אויסגאבעס זיך פאראייניגט, און וועלן פארקויפן זייערע אויסגאבעס אין אלטערנאטיווע לאקאלן, אריינגערעכנט עטליכע גרעסעריס, ביז זיי וועלן אויסארבעטן אן אפמאך מיט די גראסערי אייגענטומערס, אזוי אויך האבן די צייטונגען צוגעשטעלט 8 טראקס אין פארשידענע געגענטער אין בארא פארק, וועלכע דינען ווי צייטונג קיאסקן ביז דער פראבלעם ווערט געלעזט.

https://kretchme.sites.tab.bot/t/632.html

**6**
יאר צוריק
2021

## צמח אטלאס – די ישיבה (פון חיים גראדע)

**גענעראלע איד** • קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • 25סטן יאנואר 2021

חיים גראדע איז געווען א זעלטענע אידישע שריפט-שטעלער און פאעט.

איך וועל נישט דא באשרייבן זיין ביאגראפיע, עס איז שוין מערערע מאל באשריבן געווארן און איך האב נישט דוקא וואס צו צולייגן.

דער אשכול וועט זיך בעיקר באציען צו זיין מייסטער ווערק אין דעם ביכל צמח אטלאס - די ישיבה, און אויך צו זיין אפשרייב אין דעם קונטרס מיין קריג מיט הערש ראסיינער

דער שרייבער טראצדעם וואס ער האט געלעבט צווישן מאדערן אמעריקאנעם אידנטום און האט נישט באוויזן צו פארבלייבן א שומר תורה ומצוות, איז אבער קלאר אז ער איז נישט געווען קיין משכיל און איז א גאנץ לעבן געבליבן פארבענקט צו זיין פרומען יונגט און די ישיבישע סביבה. די ספעציעלקייט אין די צווי ווערק איז דערין וואס דארט באזירט זיך דער שרייבער צו זיינע אינערליכע ראנגלענישן מיט זיין געוויסן, איבערדעם וואס ער האט פארלאזט די תורה און זיין רבי'ן דער חזון איש.

און אלע זיינע ווערק, טוט גראדע מיט זיין געשליפענע פענע צוריק ברענגען דאס אידישע לעבן אין דער אמאליגער ליטא, ער שילדערט מיט א פילפארביקייט די פראסטקייט פון דעם פויער און דעם אידישקייט פון דעם עם-הארץ. ער באשרייבט די פאליטיק פון דעם קהילה לעבן צונויפגעפלאכטן מיט ציטאטן פון מאמרי חז"ל וואס איז זעלטן נאך צו געפונען. [פארקירצט]

'מיין קריג מיט הערש ראסיינער' איז אן אפשרייב, (אן 'עסעי' לויט גראדע'ס אייגענע ווערטער) אויף זיינע אינערליכע ויכוחים מיט אידישקייט. עס איז געשריבן אויף אן אופן ווי ער דינגט זיך מיט זיין בר פלוגתא, זיין געוועזענע חבר פון ישיבה וואס פראבירט עם צו מחזיר זיין בתשובה, און ווי ער פארטיידיגט זיך אין זיין אויסקוק אויף דער מאדערנער וועלט. מען דארף אבער דאס ליינען וויסנדיג אז ביידע צדדים פון דעם ויכוח איז חיים גראדע אליין, און אויף מערערע נקודות גייט דער פרומער ארויס דער מנצח, ווי דער שרייבער וויל מודה זיין צו זיינע געוויסנביסן וואס ערגבערט עם. נאר אויפן נאווארדוקער מהלך האט ער טענות באמת. חיים גראדע האט נישט געקענט האבן אסאך מענטשן אין זיין סביבה וואס האבן זיך געקענט מיטטיילן אין זיין וועלט אויסקוק, און ער האט געמוזט לעבן אן עלנד און אימעטיגן עקזיסטענץ.

אבער 'צמח אטלאס' איז א בוך וואס עס איז באמת נישטא זיין פארגלייכנס, דער שרייבער אליין, חייקל ווילנער ווי ער רופט זיך, געפונט זיך דא אין דעם בוך אלס די עיקר פיגור אין דער געשיכטע.

אנשטאט צו אנטוויקלען א סעריע פון פיגורן, גוטע מיט שלעכטע וואס אמפערן זיך איינער מיטן צווייטן, האט דער שרייבער אהערגעשטעלט כאראקטערן וואס יעדער איינער פון זיי איז סיי גוט און סיי שלעכט, יעדע פערזענליכקייט האט זיך זיינע שיינקייטן און מיאוס'קייטן. מערסנטייל פון די בלעטער שפילן זיך אפ אין הארץ פונעם מענטש און זיינע ראנגעלנישן צווישן יצר טוב מיטן יצר הרע, דער שרייבער טוט צוטרעפן צום ציל מיט א פונקטליכקייט וואס קען נאר א געוועזענער נאווארדאקער מוסר'ניק אליינס.

די פאסירונג איז אהער געשטעלט אין די יארן צווישן די צווי וועלט מלחמות, און טראץ וואס די מעשה איז א נאוועלע און צמח'ן איז קיינמאל נישט געבוירן געווארן, איז זי אבער באציט צו אמת'ע געשיכטעס, לאקאציעס און פיגורן. די געשיכטע דרייט זיך ארום חייקל ווילנער און זיין ספעציעלע קשר מיט זיין רבי'ן דער חזון איש, אדער דער 'מחזה אברהם' ווי ער ערשיינט אינעם בוך, דער שרייבער עפנט אויף א טירל צו זיינע פריוואטע איבערלעבענישן אין דער סביבה פון זיין רבי און מיר באקומען אן אינטימע אריינבליק צום געדאנקענגאנג פון א גדול, וואס איז נישט בנמצא נאך אין אידישע שריפט.

דער בוך איז געדרוקט געווארן אין די זעכציגע יארן און איז נישט געדרוקט געווארן נאכאמאל אין דעם אריגינעלן פארמאט, ווען גראדע איז געשטארבן האט זיין פרוי נישט צוגעלאזט קיינעם צו זיינע כתבים, סיי איבערדרוקן אלטע און סיי דרוקן נייע נאכנישט געדרוקטע. ווען זי איז געשטארבן האט זיך אנטוויקלט א פאליטיק איבער דער בעלות. פאר אפאר יאר צוריק האט עס אפגעקויפט די אמעריקנער ייאוו"א אינסטיטוט בשותפות מיט דער ישראל'ישער ספרייה לאומית, ווי עס זעט זיך אויס איז דא פאליטיק-שפילן צווישן די צוויי מוסדות און אינצווישן ווערט גארנישט געמאכט מיט די כתבים.

ווער עס פראבירט צו זוכן די איריגענעלע פארמאט פון 'צמח אטלאס' אין אידיש וועט זיך גיך איבערצייגן אז עס איז א יקר המציאות און נישט לייכט צום געפונען. מיט פינעף יאר צוריק זענען שוין דא 'ניק'ס דא אויף קאווע שטיבל וואס פרעגן זיך נאך וואו מען קען עס באקומען.

לפי עניות דעתי איז דאס א גרויס עוולה. דער שרייבער האט נישט איבערגלאזט קיין יורשים און זיין ווערק באלאנגט פארן כלל. בפרט אזעלכע בוכער ווי צמח אטלאס און מיין קריג, וואס אפי' בחייו איז קוים געווען א הייפעלע ליינער וואס האבן דאס געקענט פולקאם פארשטיין און אפלערנען, היינט צוטאגס זענען עס די ליינער פון קאווע שטיבל וואס זענען די אויפריכטיגע בעלנים פון די ווערק.

[פארקירצט]

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14436.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין א שמועס צי „קאווע שטיבל“ האט געהאלפן די ליינער שרייבן בעסער אידיש (זעט אויך די פערל), האט „קטלא קניא“ דערציילט ווי ער באשליסט ווי אזוי צו שרייבן א ווארט:

”

אז איך בין נישט זיכער וויאזוי צו בוכשטאבירן (ספעלן, אויסלייגן) א ווארט קום איך אריין אין ק"ש און איך לייג אריין די וואריאנטן אין דעם זוך קעסטל אויבן לינקס. אז איינס געבט מיר 135 רעזולטאטן און דער אנדערער 19 ווייס איך באלד וואו איך שטיי. אזוי אויך אז ס'פאלט מיר איין א ווארט און איך בין נישט זיכער צי ס'עגזיסטירט אזא ווארט קוק איך צי מ'האט עס דא שוין גענוצט. אדער לגבי זכר\נקבה קוק איך וויאזוי אנדערע שרייבן. (אויף גראמאר איז אביסל שווערער.) אמאל אז ס'איז נישט אן אפט גענוצטער ווארט און די רעזולטאטן זענען מער וויינעגער שווה בשווה און די נומערן זענען נישט גענוג מכריע צו זיין, מוז איך זיין אביסל סוביעקטיוו און קוקן ווער האט געשריבן אזוי און ווער אזוי. און אז עס זענען דא אפילו צווישן חבירים ותיקים צדדים לכאן ולכאן מוז איך זיין נאך מער סוביעקטיוו און באשליסן לויט ווי דער שרייבער געפעלט מיר פערזענלעך.

[און ווען berlbalaguleh האט געשריבן אז ער קוילערט זיך פאר געלעכטער, האט ער געענטפערט:] ולשמחה מה זה עושה? איך טרייב נישט קאטאוועס (36 רעזולטאטן) און איך טו באמת אזוי.

**קטלא קניא** • קאווע שטיבל • 5טן יאנואר 2020

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „טאג ביך פון א מוכר ספרים“ · **shatz matz**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · שאץ מאץ · אשכול „טאג ביך פון מוכר ספרים“ · 13טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/20.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „וואס ליינט איר?“ · **יידל, געפילטע פיש, יאיר און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · אשכול „אלגעמיינע ביכער צום ליינען“ · 21סטן יאנואר – 27סטן אקטאבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5733.html |
| **וויסנשאפט • ליינען** | „ווי לאנג איז א ליינער געשפאנט?“ · **לייבישרייבער**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „ווי לאנג איז א ליינער געשפאנט ?“ · 12טן יוני 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16284.html |
| **היסטאריע • ווערטער** | „פון וואנען קומט דאס ווארט „פאשקעוויל“?“ · **berlbalaguleh, Billy, יעקב פאטאש און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · שפראך און גראמאטיק · אשכול „וואס איז דער שורש פונ'ם ווארט "פאשקעוויל"?“ · 14טן יולי 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16418.html |
| **איבערלעבונגען** | „א באזוך ביים דרוקעריי“ · **פיש כאפער**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „א באזוך ביים דרוקעריי, אין די סעריע פון "מיין איבערלעבענישן"“ · 24סטן יוני 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9160.html |
| **קולטור • ביכער** | „George Orwell און זיינע ביכער“ · **הוגה, קורקלענד, יידל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · אשכול „George Orwell און זיינע ביכער“ · 18טן יוני 2013 – 11טן סעפטעמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4103.html |
| **הומאר** | „ווער איז א גוטער שרייבער?“ · **Ben Ami**<br>א וועלט מיט וועלטעלעך · 2007 · אשכול „ווער איז א גוטער שרייבער?“ · 31סטן דעצעמבער 2007<br>https://veltelech.sites.tab.bot/t/44.html |
| **היינט מיט 10 יאר צוריק** | „שטרייט צווישן בארא פארקער גראסעריס און היימישע אויסגאבעס“ · **יאהאן** · דער קרעטשמע · עולם ומלואו · 25סטן יאנואר 2017<br>https://kretchme.sites.tab.bot/t/632.html |
| **היינט מיט 6 יאר צוריק** | „צמח אטלאס – די ישיבה (פון חיים גראדע)“ · **גענעראלע איד** · קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · 25סטן יאנואר 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14436.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „צוויי ערשטע שפראכן“ · **ונבנתה העיר** · קאווע שטיבל · 11טן נאוועמבער 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html#p438156 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „די בלינדע פירן די הינקעדיגע“ · **ליטוואק פון בודאפעסט** · קאווע שטיבל · 12טן נאוועמבער 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html#p438242 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א שורה פון א בוך“ · **בן עיר** · קאווע שטיבל · 23סטן מערץ 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12717-4.html#p496912 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א מצוה, א הידור, און יוהרא“ · **ליטוואק פון בודאפעסט** · קאווע שטיבל · 26סטן אויגוסט 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13302.html#p435393 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **קטלא קניא** · קאווע שטיבל · 5טן יאנואר 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13428.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 28סטן יאנואר – נומער 29, אויף פרשת יתרו; מאנטאג, דעם 1טן פעברואר – נומער 30

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.